STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02399

# TSI IZ NOYTIK A YIDISHE ARMEY?

Leivick Hodes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „אונזער צײַט"

No. 1

ל. האָדעס

# צי איז נויטיק אַ יידישע ארמיי?

פארלאג
מעדעם-קלוב

ניו־יאָרק
1942

פרײַז 10 סענט

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| דער טומל ארום דער יידישער ארמיי | 3 |
| הינטער די געטאָ-מויערן | 4 |
| טויט-דיאַגנאָזן אַנשטאָט הילף | 5 |
| דער קרומער שפּיגל | 7 |
| ווו איז אהינגעקומען די „אחדות"? | 8 |
| די ציוניסטישע דעפּארטמענט-סטאָר | 9 |
| וועגן טאָפּלטער בירגערשאפט | 10 |
| „דאָס רעכט צו קעמפן" | 14 |
| אונזער ענטפער היטלערן | 15 |
| פּאָן, עמבלעמע און גלייכע רעכט | 18 |
| דער יידישער רעכנונג דער וועלט | 19 |
| אין לאנד פון ביטערסטן „גלות" | 20 |
| „זיכערהייט אויפן וואָלקאן" | 21 |
| עס איז פאראן אַן עצה | 24 |
| ניכטערע וואָרנונגען און ווירקלעכקייט | 26 |
| „שאנד" פון דער פּאַלעסטינער יידישער יוגנט | 30 |
| וועגן אפּיזעריי | 32 |
| ווער וועט באשיצן דעם נאָענטן מזרח? | 33 |
| פאר וועמען די יידישע ארמיי איז יאָ נויטיק | 35 |
| די שטים פון די געטאָס | 37 |

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַמעריקע זעט אויס לעצטנס צו זיין אויפגערודערט און צעשטורעמט. די אַמעריקאַנער יידן זאָלן זיין שטאַרק געטראָפן פון דעם, וואָס ענגלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שאַפן אַ יידישע אַרמיי. לייענט מען די גרויסע צאָל רעזאָלוציעס פון מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, די ריזיקע מודעות פון די קאָמיטעטן פאַר אַ יידישער אַרמיי, קוקט מען זיך צו צום בהלהדיקן געיעג נאָך אונטערשריפטן און הסכמות, קען מען מיינען, אַז זייער פיל אַמעריקאַנער יידן האָבן היינט בלויז איין שווערע זאָרג אויפן קאָפּ: וואָס גיכער צו האָבן אַ יידישע אַרמיי.

אַ יידישע אַרמיי איז בלומרשט נויטיק צוליב כבוד, צוליב רעכט און צוליב ווערן אַ פאָלק מיט לייטן צוגלייך; זי איז נויטיק צוליב געווינען די מלחמה און צוליב געווינען דעם שלום, זי איז נויטיק פאַר די אידעאַלן פון יידנטום און פאַר די אידעאַלן פון קריסטנטום (יאָ, אויך פאַר די אידעאַלן פון קריסטנטום! — אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין אַן ענגלישן אויפרוף, וואָס איז צווישן אַנדערע געחתמעט דורך אַזאַ באַקאַנטן פאַרקעמפער פון קריסטנטום ווי . . . חיים ליבערמאַן); זי איז נויטיק וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך.

מוז מען זיך פאַרטראַכטן:

צ י א י ז ד ע ר ט ו מ ל א נ אַ ט י ר ל ע כ ע ר א ו ן אַ ב אַ ר ע כ ט י ק ט ע ר?

צי האָבן מיר טאַקע דאָ צו טאָן מיט אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג אָדער — מיט אַ קינסטלעכן שטורעם? צי וועט דאָס יידישע לעבן פאַרלירן אַן אַ יידישער אַרמיי און אפשר איז גאָר דער גאַנצער טומל אַן אומנוציקער אָדער אַ שעדלעכער?

לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי ס'זעט היינט אויס דאָס יידישע לעבן.

הינטער די געטאָ-מויערן.

יידישע מענער, פרויען און קינדער ווערן געפּייניקט און פאַרהונגערט אויף טויט אין די געטאָס פון וואַרשע און לאָדזש, זיי ווערן געטראָטן מיט די פיס און געשאָכטן ווי פי אין קיעוו און אין באָריסאָוו, אין ווילנע, קאָוונע, מינסק און בערדיטשעוו, זיי ווערן געפּייניקט אין פּאַריז און אין פּראַג און אומעטום, וואו עס גרייכט די מערדערישע האַנט פון היטלערס באַנדעס. דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער דעם שרעקלעכסטן אומגליק אין זיין געשיכטע.

אין די פאַרריגלטע און פאַרשלאָסענע אויף זיבן שלעסער געטאָס בושעוועט הונגער און טויט. א קויל אין קאָפּ אָדער א שטריק אויפן האַלז קריגט מען פאַר פאַרלאָזן דעם געטאָ. און אינעווייניק אין געטאָ איז יעדער איינציקער אויסגעשטעלט אָדער אויף לאַנגזאַמער גסיסה צוליבן פעלן פון שפּייז אָדער אויף ראַש פאַרברענט צו ווערן אין היץ־פיבער פון מגפה.

און צוזאַמען מיט אָט דעם רייסן זיך אדורך נאָך אנדערע גרוסן פון דער גרויסער תפיסה, אין וועלכער דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק איז היינט פאַרמויערט, — גרוסן, וואָס ברענגען א טרייסט און פילן אָן הערצער מיט שטאָלץ. היטלערן געלינגט צו פאַרמוטשען אויף טויט טויזנטער און טויזנטער יידישע לעבנס, אָבער איין זאַך געלינגט אים נישט: צו טויטן די האָפענונג, וואָס לעבט צווישן די יידישע מאסן. אין די געטאָס לעבט דער גלויבן, אז נאָך היטלערס מפּלה וועט קומען א נייע וועלט, ווען אויף דערזעלבער ערד, וואָס זאַפּט איין היינט אין זיך אזוי פיל טרערן יידישע און ניט־יידישע און אזוי פיל בלוט, וועלן די יידישע מאסן אין ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט אנדערע פעלקער, וואָס שמאַכטן היינט אונטער היטלערן, אויפשטעלן א לעבן פול פרידן און פרייד.

אָט די האָפענונג דערמוטיקט די יידישע מאסן צום העראָאישן אונטערערדישן קאַמף מיט די אָקופּאַנטן. זי רעדט אַרויס פון יעדער שורה פון די טויזנטער אומלעגאַלע בלעטלעך און צייטונגען, דורך וועלכע געפּלאָגטע יידן און נישט־יידן שטרעקן זיך קעגנזייטיק אויס די הענט איבער געטאָ־מויערן. די האָפענונג פלאַטערט צופוסנס פון הייליקע תּליות, און זי ווערט געלייטערט דורך אוממענטשלעכסטן וויי. די האָפענונג באַגייסטערט די יידישע מאסן אין די געטאָס צו דער ברייטסטער זעלבסט־הילף־טעטיקייט. עס קומען אָן

גרוסן פֿון די געטאָס וועגן פֿאַרצווייגטער ברידערלעכער און חבֿרי־שער הילפֿס־אַרבעט: מען טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן שטיקל קויל צו דערוואַרעמען דאָס פֿאַרפֿרוירענע לײַב, מיטן לעצטן פֿאַרבליבענעם היילמיטל. „אויסהאַלטן און העלפֿן אויסהאַלטן!״ — דאָס איז דער רוף, וואָס טראָגט זיך איבער די געטאָס. אויסהאַלטן פֿיזיש אויסהאַלטן מאָראַליש און אויסהאַלטן גײַסטיק. און עס קומען אָן ידיעות פֿון די געטאָס, אַז *אונזערע* פֿאַר־הונגערטע און פֿאַרפּייניקטע ברידער און שוועסטער *דאָרטן* האָבן אַפֿילו באַוויזן דאָס וווּנדער צו אויפֿהאַלטן בײַ זיך אַ פֿאַרשידנאַרטיק און פֿילפֿאַרביק קולטור־לעבן.

דאָס זײַנען אַלץ גרוסן וואָס ברענגען אַ טרייסט, וואָס רירן טיף.

**טויט-דיאַגנאָזן אָנשטאָט הילף.**

די אַלע גרוסן גיבן אַ גרונט צו שטאָלצירן מיט יענע פֿון *דאָרטן*. אָבער די זעלבע גרוסן האָבן נאָך אָן אַנדערע אויסשפּראַך. זיי קלינגען *דאָ* ווי אַ ביטערע טענה, ווי אַ ברענענדיקער פֿאָרוווּרף. וואָס איז *דאָ*, מחוץ די געטאָס, געטון געוואָרן פֿאַרן גרויסן נאַציאָנאַלן ציל צו העלפֿן די צען מיליאָן יידן אונטער היטלערן אויסצוהאַלטן? וואָס איז געטון געוואָרן פֿאַר דעם, אַז די ברייטסטע מאַסן פֿון יידישן פֿאָלק אונטער היטלערן זאָלן זיך ניט פֿילן איינזאַם און פֿאַרלאָזן? צי טראָגט זיך היינט איבער דער וועלט אַן אויפֿטרייסלנדיקער געשריי פֿון דערשיטערטן געוויסן צוליב דעם, וואָס עס ווערט אַזוי אויף קאַלט אויסגעמאָרדעט אַ פֿאָלק? און זאָל מען ניט זאָגן, אַז מען קאָן ווייניק אויפֿטאָן. צי איז שוין טאַקע געטון געוואָרן אַבסאָלוט אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך?

אין די געטאָס ווערט ניט צוגעלאָזט קיין שפּייז פֿאַר די הונגע־ריקע, קיין רפֿואות פֿאַר די קראַנקע. ווייסן זייער פֿיל מענטשן אין דער וועלט וועגן דעם? פֿאַרנעמען זיך אַ סך מיט זוכן עצות, ווי אַזוי אַדורכצורייסן זיך מיט הילף דורך די פֿאַרצוימונגען?

אָט איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק צו דער וועלט דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז די גריכן ווערן אין זייערע דערפֿער און שטעט פֿאַר־הונגערט צום טויט אונטערן ברוטאַלן שטיוול פֿון די נאַצי־אָקו־פּאַנטן. די גריכן אין דער וועלט האָבן געפֿאָדערט, אַז מען זאָל

עפעס טון. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַ פּעולה: די פאַרבינדעטע האָבן זיך ציטוויייליק אָפּגעזאָגט פון דער בלאָקאַדע, כּדי צוצושטעלן פאַר די הונגעריקע שיפן מיט שפּייז. דער פּרוּוו צו ראַטעווען איז געמאַכט געוואָרן. צי זיינען געמאַכט געוואָרן ענלעכע פּרוּוון צו ראַטעווען די הונגעריקע און קראַנקע אין די געטאָס? — ניין, ניין און טויזנט מאָל ניין.

און צי בריט דער דאָזיקער „ניין" דאָס געוויסן פון פיל מענטשן אין דער וועלט, צי באַרויבט ער זייער שלאָף, צי שטערט ער זייער רו?

און מען קאָן וועגן דעם ניט האָבן קיין טענה סתּם צו דער וועלט. די וועלט שטייט היינט אין פלאַקער פון קריג. און קיין זאָרגן פעלט קיינעם נישט. די ערשטע צו שרייַען, צו פאָדערן, צו וועקן און מאָנען האָבן געמוזט זיין די זעקס מיליאָן יידן פון אויסער אייראָפּע. און גראָד דאָ טרעפט מען ביי אַ היפּשן טייל יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פאַרברעכערישן גלייכגילט, פאַרטעמפּטע הערצער, פאַרפאַנצערטע געוויסנס.

פאַר וואָס, צום ביישפּיל, שווייגן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע די אַלע, וואָס האָבן אין דער גרויסער אַמעריקע גענומען זיך דעם מאָנאָפּאָל צו רעדן אין נאָמען פון פאָלק ישׂראל? וואו זיינען זיי, די אַלע יידן פון וועלט־קאָנגרעס אָדער פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, די אַלע פּראָפעסיאָנעלע דעלעגאַטן פון פאָלק ישׂראל? — זיי זיינען דאָ, אָבער זיי האָבן זיך געשטעלט נישט צו קאַמף פאַר ראַטעווען דאָס יידישע לעבן, נאָר זיי זיינען געקומען צו דער לויה פון יידישן פאָלק. (זע, למשל, כּסדרדיקע דערקלערונגען פון דעם מין פּונם פּרעזיצער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ד"ר נחום גאָלדמאַן, ווי אויך פון אַנדערע טוער פון ציוניזם און וועלט־קאָנגרעס, אַז דאָס יידנטום אין אייראָפּע איז שוין אונטערגעגאַנגען). מען קומט מיט טויט־דיאַגנאָזן, אָנשטאָט מיט הילף־אַקציעס. מיט בוכהאַלטערישער גלייכגילטיקייט און מיט אויפטרייסלדיקער קאַלטקייט פּאַרעפּנטלעכט מען „גענויע" חשבונות וועגן מיליאָנען יידישע מתים, וועלכע מען דאַרף נאָך דערוואַרטן אין אייראָפּע. אין צייטונגס־אַרטיקלען, פון די טריבונעס פון יידישע

קאנגרעסן אין די פאראייניקטע שטאטן, מעקסיקע, ארגענטינע און קאנאדע, — אומעטום איילט מען זיך צו פארעפנטלעכן דעמזעלבן פראפעסארישן דיאגנאז: טויט אדער כמעט טויט איז שוין היינט דאס גאנצע יידנטום פון איידאפע. צוויי לעבעדיקע אברים זיינען היינט נאך פארבליבן פון יידישן פאלק: דאס זיינען די יידן אין אמעריקע און די יידן אין . . . פאלעסטינע. דאס זאלן זיין די אלע ביים לעבן פארבליבענע יורשים פונם גאנצן פאלק ישראל.

פרעגט זיך: וואס באצוועקט דער דאזיקער חשבון? און פאר וועמען איז ער נוצלעך?

**דער קרומער שפיגל**

אין אזא צייט איז דאס יידישע געזעלשאפט־לעכע לעבן אין אמעריקע צעשטורעמט און צע־כוואליעט נישט צוליב דער ברענענדיקער פראגע, ווי אזוי צו דערהאלטן דאס נאקעטע לעבן פון גרעסטן טייל פונם יידישן פאלק, נאר דורך דעם קאמף פאר אן . . . יידישער ארמיי.

קען דאס זיין, אז דאס זאל אפשפיגלען דיווירקלעכע פאר־אינטערעסירונגען, די זארגן און שטימונגען פון די יידישע מאסן אין אמעריקע? עס וואלט געווען בפירוש א באליידיקונג פאר די אמעריקאנער יידן, אז מען זאל אזוי טראכטן. דער גערודער אויפן אויבערפלאך איז ווארשיינלעך בלויז א קרומער שפיגל פון די ווירק־לעכע שטרעבונגען וואס לעבן אין פאלק.

דער ענין מיט דער יידישער ארמיי איז קינסטלעך אויפגע־בלאזן, און אויפגעבלאזן איז ער פון די זעלבע קרייזן, וואס האלטן אין איין זאגן קדיש נאך די יידן אין איידאפע, — פון די ציוניסטן.

דער ציוניזם האט שטענדיק איין זארג — צו מאכן אנגע־גליט די לופט פאר דער ציוניסטישער אידעע; יידיש פאלק אן ציון עקזיסטירט נישט פאר די ציוניסטן, אין בעסטן פאל איז עס בלויז א צוטשעפעניש. די ציוניסטישע פאליטיק פארטראגט ניט קיין שטילשטאנד. ווען מען די טעמפעראטור פארן ציוניזם ניט אונטערוואדעמען מיט נייע „אישום", ווען זי זינקען ביז פריר־פונקט. אזא „אישו" איז היינט דער טומל ארום דער יידישער ארמיי. אט דער גאנצער טומל איז אויפגעבלאזן אויסשליסלעך אין די אינטערעסן פון דער ציוניסטישער פארטיי־פאליטיק.

**וווּ איז אהינגעקומען די „אחדות"?**

אַז דער קאַמף פאַר אַ יידישער אַרמיי איז פאַר די ציוניסטן אַ מיטל צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל, דאָס קאָנען שוין היינט די ציוניסטן אַליין נישט באַהאַלטן. אַרום דעם פּאַרטייאישן נוצן פון דער אַקציע קעמפן היינט צוויי קאָנקורענץ־גרופּעס. דער „עמוירדזשענסי קאָמיטעט פאַר זײַאָניסט אַפעירס" און דער „אַמע־ריקען קאָמיטי פאָר איי דזשואיש אַרמי". יעדער פון זיי רעדט אין נאָמען פון אַלע יידן און שיער נישט פון גאַנץ אַמעריקע אַלס צוגאַב. יעדער מאָגט פאַר זיך די בכורה אָנצופירן מיטן קאַמף פאַר דער יידישער אַרמיי. אין די רייען פון יעדן פון די קאָמיטעטן וואָלט מען געקאָנט אָנרופן ביי די נעמען שרייבער און רעדנער, וואָס האָבן ניט געקאַרגט קיין מוסר־רייד אויפן אַדרעס פון די בונדיסטן, הלמאַי זיי האַלטן זיך איינגעשפּאַרט ביי זייער אייגענער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע און הלמאַי זיי שליסן זיך נישט אָן אָן בשותּפות־דיקן „אַלגעמיין יידישן", דאָס מיינט, ציוניסטישן פּראָגראַם. און די אַלע, וואָס האָבן אַזוי שיין געדרשנט קעגן „סעפּאַראַטיזם" ווען עס איז געגאַנגען גראָד אין פּראָגראַמען, פּרינציפּן און גרונט־זאַכן — זיי מאַכן פון זיך היינט לייטיש געלעכטער, ווען זיי האָבן זיך צעשפּאָלטן אין אַ פראַגע, וואו יעדער איינער זאָגט בוכשטעבלעך דאָס זעלבע וואָס דער צווייטער. אויב איר האָט דעם מינדסטן צווייפל, צי דאָס איז אַזוי, טאָ הערט אדרבה וואָס עס זאָגן וועגן דעם באַגלויבטע עדות:

„די אַמעריקען קאָמיטי פאָר איי דזשואיש אַרמי" — שרייבט די „פאַרבאַנד־שטימע", אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד (רעכטע פּועלי־ציון) אין נומער פון יאַנואַר 1942 — איז געגרינדעט געוואָרן פון רעוויזיאָניסטן, ניט האָבנדיק קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס פון זייערע באַמיִונגען קען ווערן, נאָר האָבנדיק איין צענטראַלן ציל — צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פאַרן רע־וויזיאָניזם"...

און ווייטער: „דער כבוד און פּרעסטיזש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג שפּילט ביי זיי אַ קליינע ראָלע אַזוי לאַנג, ווי זיי קענען שלאָגן קאַפּיטאַל פאַר זייער רעוויזיאָניסטישן געזינדל, וואָס האָט ביז איצט קיין דערפאָלג אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן ניט געהאַט".

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

„די וואָס זיינען באמת פאַראינטערעסירט, אַז די באַמיִונגען פאַר אַ יידישער אַרמיי, וואָס זאָל האָבן איר צענטער אין ארץ-ישׂראל, זאָלן סוף כּל סוף געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, מוזן אין דער ערשטער ליניע געדענקען, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער אומגליק פאַרן ציוניזם און פאַר די באַמיִונגען פאַר אַ יידישע אַרמיי, ווען די רעוויזיאָניסטישע עלעמענטן זאָלן דורך דעם לאָזונג פון אַ יידישער אַרמיי קריגן געזעלשאַפטלעכן אָנזען אין דעם אַמעריקאַנער לעבן. דער רעוויזיאָניסטישער קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן נאָמען „קאָמיטי פאָר איי דזשואיש אַרמי" דאַרף פון קיינעם קיין שטיצע נישט קריגן".

די רעוויזיאָניסטן פון זייער זייט טענהן, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן טאָרן נישט האָבן קיין פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון דער אידעע — יידישע אַרמיי — ווייבאַלד זיי, די רעוויזיאָניסטן, זיינען די אמתע טאַטעס פון דער אידעע. אָט די קריגערייַ צווישן ביידע קאָמיטעטן באַווייזט, אַז מיר האָבן נישט געמאַכט קיין בלבול אויף די ציוניסטן, ווען מיר האָבן אין אָנהייב אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער גאַנצער טומל וועגן דער יידישער אַרמיי איז די ציוניסטן נויטיק ווי אַ „אישו" אויף צו הייבן זייערע פּאָליטישע אַקציעס. יעדער קאָמיטעט זאָגט דאָס וועגן צווייטן צד, און אין דעם פאַל קען מען זיי ביידע גלויבן.

די ציוניסטישע „דעפּאַרטמענט-סטאָר"

קען אימיצער טענהן: רעכט, די ציוניסטן באַגייען טאַקע אַן עולה מיט זייער היסטערישן גערודער, וואָס האָט ריין פּאַרטייאישע כּוונות. אָבער הייסט דאָס דען, אַז אַ יידישע אַרמיי איז שעדלעך? אפשר קען פאָרט אַזאַ אַרמיי ברענגען אַ געוויסן נוצן. פאַר וואָס זשע זאָל מען דעם עצם געדאַנק נישט שטיצן?

דאַרף מען זען, וואָס פאַר אַ נוצן פון אַ יידישער אַרמיי גיבן די ציוניסטן אַליין אָן אין נדן. נאָר צוערשט לאָמיר הערן קלאָר, ווי שטעלן זיך פאַר די ציוניסטן די יידישע אַרמיי. ווען זיי האָבן פון אָנהייב אַרויסגערוקט די פאָדערונג, האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע יידישע אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן אויף אַלע וועלט-פראָנטן. די יידישע אַגענץ האָט פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן יידישן לעגיאָן

אויפן פראָנצויזישן פראָנט. זיי האָבן געפּרוּווט אויספּועלן אייגענע לעגיאָנען אין דער ענגלישער אַרמיי. ווייצמאַן האָט צוגעזאָגט דער ענגלישער רעגירונג, אַז דער ערשטער לעגיאָן וועט באַשטיין פון „דריי טויזנט פּאַלעסטינער יידישע יונגעליט און 7000 אַמעריקאַ־נער און אַנדערע". גלייכצייטיק האָט די „נייע ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע" געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאַנאַדער רע־גירונג און מיט דער פּ ו י ל י ש ע ר גלות־רעגירונג וועגן רע־קרוטירן יידן אין גאַר דער וועלט, בפרט צווישן די פּליטים, אויף שאַפן באַזונדערע לעגיאָנען אין דער קאַנאַדער און פּוילישער אַרמיי. האַרט איידער עס איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן אַמעריקע און יאַפּאַן האָבן די ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגעהויבן אַז אַקציע פאַר רעקרוטירן 200.000 אַמעריקאַנער יידישע יונגעליט פאַר אַ יידישער אַרמיי. היינט איז אַמעריקע אין קריג, און די ציוניסטן קענען שוין ניט רעדן וועגן אַן אייגענעם „דרעפט" אין אַמעריקע. דאָך זאָגן זיי זיך אויך היינט ניט אָפּ פון דער אידעע פון שאַפן אַן אַרמיי פון יידן פון גאַר דער וועלט. די דאָזיקע אַרמיי דאַרף, לויט זיי, זיך ש ט י צ ן אויף פּאַלעסטינע און זי דאַרף באַשטיין פון פּאַלעסטינער יידן און פון מלוכהלאָזע און סתם פון יידן פון פאַרשיידענע לענדער.

פאָרשט מען נאָך דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען און די צוזאָגן, וואָס די ציוניסטן האָבן זיך דערלויבט אומעטום צו געבן אין נאָמען פון די יידן אין פאַרשידענע לענדער, זעט מען, אַז זיי פירן זיך אויף ווי אַ רעגירונג פון אַלע יידן פון גאַר דער וועלט. די גרויסע ציוניסטישע „דעפּאַרטמענט־סטאָר" באַט אָן צו פאַר־שידענע רעגירונגען לעגיאָנען פון כּל מיני יידן. אויפן לאַגער זיינען דאָ פּאַלעסטינער און אַמעריקאַנער יידן, רעפיודזשים און מלוכה־לאָזע.

**וועגן טאָפּלטער בירגערשאַפט.**

פרעגט נישט קיין קשיות, ווי אַזוי די יידישע אַגענץ, וואָס איז פּאַקטיש אַ פּאַרטייאישע פאַר־טרעטונג פון ציוניזם, קאָן „דרעפטן" אַ געמיש־טע אַרמיי פון יידן — בירגער פון פאַרשידענע לענדער. די ציוניסטישע געלערנטע האָבן אויסגעפּשטלט, אַז מען מעג. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם די „דזשואיש אפערס", אויס־

גאַבע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אין נומער פון אָקטאָבער 1941, וואָס איז געווידמעט פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרמיי.

> „קאָמפּליצירטער איז דאָס פּראָבלעם פון אויפשטעלן אַ יידישע אַרמיי, וואָס שטאַמט געאָגראַפיש פון אַנדערע לענדער, ווי די ציוויל־מאַכט פון געגעבענעם לאַנד (אין אונזער פאַל פּאַלעסטינע) און וואָס געהערט צו אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. (אויך אין פאַריקן וועלט־קריג איז געשטאַנען די זעלבע פראַגע). היינט איז דאָס אָבער ווייניקער פאַרפּלאָנטערט. היינט איז דער קיום פון יידישן פאָלק פאָרמעל אָנערקענט (פּאַראַגראַף 2 און 3 פון פּאַלעסטינער מאַנדאַט) אַלס קאָלעקטיווע און ורידישע פּערזאָן, ווען מען גיט גאַראַנטיעס פאַר אויפשטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים און וועמענס רעפּרעזענטאַנץ איז די יידישע אַגענץ".

וואָס איז דער פּשט דערפון? אַז מען פאַרטייטשט אָט דאָס לאָיעריש־פאַרפּלאָנטערטע עברי אויף פּשוטן מענטשלעכן לשון, הייסט דאָס, אַז דער פּאַלעסטינע מאַנדאַט גיט דער יידישער אַגענץ רעכט ווי אַ מין רעגירונג פון די יידן פון אַלע לענדער. אַ יידישע אַרמיי פון גאָר דער וועלט דאַרף זיך שטיצן אויף פּאַלעסטינע, ווייל אין די אויגן פון די ציוניסטן זיינען אַלע 17 מיליאָן יידן פון גאָר דער וועלט איינוווינער פון פּאַלעסטינע. זשאַבאָטינסקי האָט דאָס אָן דיפּלאָמאַטישע פליטערלעך אָפן דערקלערט אין 1937 פאַר דער ענגלישער קעניגלעכער קאָמיסיע (פּיל־קאָמיסיע), וואָס האָט געפאָרשט די סיבות פון די אומרועו אין פּאַלעסטינע. ער האָט זיך פאַררופן אויפן אויטאָריטעט פון באַרימטן יוריסט וואַן־רים און אַנדערע אויטאָריטעטן, וועלכע האַלטן, אַז „אַלע יידן פון דער וועלט דאַרפן אויפן סמך פון מאַנדאַט באַטראַכט ווערן פאַר פאַקטישע איינוווינער פון פּאַלעסטינע". אין זעלבן גייסט האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן גערעדט און געשריבן אויך אַנדערע ציוניסטן.

אַבי נאַאיווע אַמעריקאַנער האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבן פּאַטערלאַנד־פאַרפליכטונגען בלויז לגבי דעם אָנקל סעם, און פּונקט אַזוי נאַאיוו זיינען די פּוילישע יידן לגבי פּוילן, די סאָוויעטישע יידן לגבי דעם פאַרבאַנד פון סאָוויעטישע פעלקער. דאָס אַלץ הייבט זיך גאָר נישט אָן. אַלע 17 מיליאָן יידן פון דער וועלט ווערן דורך די ציוניסטן באַטראַכט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען איינוווינער

*פֿון פּאַלעסטינע*. די יידישע אַגענץ איז לכל הפּחות מאָראַליש דער באַלעבאָס איבער אַלע יידן אין גאָר דער וועלט — פֿון לאָס אַנדזשעלעס און ניו־יאָרק ביז וואַרשע, מינסק און ביראָ־בידזשאַן.

די ציוניסטישע למדנים טוען אפֿילו נישט קיין פּינטל מיטן אויג ווען זיי באַגרינדן די רעכט פֿון דער יידישער אַגענץ צו שאַלטן און וואַלטן איבערן גאַנצן יידישן פֿאָלק מיט פּונקטן פֿון זעלבן מאַנדאַט, וואָס שוין פֿאַרן קריג האָט ענגלאַנד געמאָלדן, אַז מען מוז אים אָפּשאַפֿן ווייל ער לאָזט זיך נישט דורכפֿירן. און אין דעם פֿאַל איז גראָד נישט וויכטיק, וואָס די יידישע אַגענץ בויט איר מאָראַליש יורידישע קראַפֿט אויף אַ פֿאַרלוירן געגאַנגענעם שטיקל פּאַפּיר: וויכטיק איז אין דעם גאַנצן פּילפּוליסטישן דריי מיטן גראָבן פֿינגער אַן אַנדער זאַך: מיט די דערמאָנטע אַדוואָקאַטישע דריידלעך צילן די ציוניסטן צו באַווייזן, אַז יידן זיינען אַ פֿאָלק מיט טאָפּלטע מאָראַלישע פֿליכטן, — פֿאַר זייער פֿאָטערלאַנד און פֿאַר . . . דער יידישער אַגענץ, און דאָס איז דער עיקר. ווייל וויכטיק איז היינט נישט אַזוי די פֿראַגע, ווי פֿיל די ציוניסטן זיינען היינט שוין אימשטאַנד צו פֿאַרדייען, נאָר אויף וואָס זיי האָבן אַפּעטיט. און אַפּעטיט האָבן זיי אויף צו באַטראַכט ווערן, ווי אַ מין צווישנלענדישע יידישע רעגירונג. און ווייל די ציוניסטן באַטראַכטן זיך אַליין פֿאַר אַזאַ מין פֿאַרטרעטונג, האָבן טאַקע פֿאָרשידענע פֿאָרשטייער פֿון ציוניזם דערלויבט זיך אַרויסצוטרעטן, ווי פֿאָרשטייער פֿון אַ גרויסער דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואָס האָט אויפֿן לאַגער יידישע לעגיאָנען פֿון כּל מינים יידן. פֿרעגט נישט, פֿון וועמען און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן האָבן די ציוניסטן געקראָגן אַ מאַנדאַט, ווען זיי האָבן ערב 7־טן דעצעמבער 1941 אָנגעבאָטן אין אַ יידישער אַרמיי פֿריער טויזנטער און שפּעטער צוויי הונדערט טויזנט יידישע יונגעלייט פֿון אַמעריקע. די ציוניסטן דאַרפֿן נישט קיין מאַנדאַטן, זיי אַליין זיינען די באַלעבאַטים פֿון יידישן לעבן. פֿרעגט נישט, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן פֿאָרשטייער פֿון דער „נייצא״, פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין פּוילן אין קיין איין שטאָט נישט געקאָנט אויפֿזאַמלען קיין שטימען אויף אַ צענטל מאַנדאַט אין אַ שטאָטראַט, — מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן די פֿאָרשטייער פֿון אָט דער „פּאַרטיי״ אונטערהאַנדלט מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג וועגן באַזונדערע לעגיאָנען אין דער פּוילישער אַרמיי? מיט די זעלבע רעכט, מיט וועלכע זיי האָבן פֿריער, אונטער

אומאויפהערלעכע פראָטעסטן פון די יידישע מאַסן אין פוילן, אונ־טערגעטראָגן די פוילישע פאַשיסטן פאַרשידענע פּראָיעקטן, ווי אַזוי צו עוואַקואירן די יידן פון פוילן. דאָס זיינען ווידער אַמאָל רעכט, וואָס נעמען זיך אויסשליסלעך פון גרויסן אַפּעטיט און חשק, וועלכע עס באַזיצן די ציוניסטן פון אַלע שיטות — צו זיין, געבעטן צי נישט געבעטן, די איינציקע דעה־זאָגער אין יידישן לעבן.

מען מוז זאָגן גלייך: שוין אין דעם אופן ווי אַזוי די ציוניסטן באַגרינדן זייער רעכט צו שאַפן אַ יידישע אַרמיי פון בירגער אין פאַרשידענע לענדער, — שוין אין דעם שטעקט אַ גרויסע געפאַר פאַר די יידישע מאַסן. די בירגערלעכע רעכט פון די אַמעריקאַנער יידן זיינען היינט ניט באַדראָט. אָבער מיר זיינען איבערצייגט, אַז אפילו די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי באַ־טראַכטן פאַר אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע בירגער אין לאַנד, — פאַר בירגער פון אַמעריקע און איינציטיק פאַר „איינוווינער פון פאַלעסטינע”. טאָפּלטע בירגערשאַפט איז נישט קיין פּריווילעגיע, נאָר גיכער אַ שטראָף. צוויי בירגערשאַפטן איז אין אַזאַ פאַל ווייני־קער ווי איינע. אָבער שוין אַן אמתע מכה וואָלט אַזאַ מין טאָפּלטע בירגערשאַפט געוואָרן פאַר די יידן אין פוילן, רומעניען און אַנדערע לענדער פון צענטראַל און מזרח־אייראָפּע. דאָרטן וועט נאָכן קריג נאָך פאַרשטיין אַ שווערע אַרבעט פון אויסראָטן גיפטיקע קרייטעכצער פון היטלערישן פאַרזיי. מען קאָן זיין איבערצייגט, אַז אין דער באַ־פרייטער אייראָפּע וועלן די יידישן מאַסן געניסן פון גלייכע בירגער־לעכע און נאַציאָנאַלע רעכט און זיי וועלן מיט ברען און באַגייסטע־רונג צוריק אויפשטעלן זייער אַלט־נייע היים, וואו זיי זיינען געווען איינגעוואָרצלט הונדערטער יאָרן. עס קאָן אָבער געמאָלט זיין, אַז דאָס זאָל זיי אָנקומען נישט לייכט. עס קען נויטיק זיין בויען און קעמפן. און דאָס לידעלע וועגן דעם, אַז יידן האָבן צוויי היימען, צוויי פאָטערלאַנדס, טאָפּלטע בירגערשאַפט, — דאָס איז די גרעסטע הילף פאַר די שונאים פון יידישע רעכט. אין די יאָרן פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די יידישע פאָלקס־מאַסן אין צענטראַל־מזרח אייראָפּע האָבן זיך ביטער געראַנגלט מיט כוואַליעס פון אַנטי־סעמיטישער רעאַקציע, האָבן זיי טאַקע געפילט די צוויי־פאָטערלאַנדס־טעאָריע ווי אַ שווערן שטיין אויפן האַלז.

ד י  י י ד י ש ע  מ א ס ן  ו ו י ל ן  א י ן  ע ר ג ע ץ  נ י ש ט  ק י י ן  ט א פ ל ט ע  ב י ר ג ע ר ש א פ ט.  א ו ן

**א ו י ב  ש ו י ן  ד ע ר  ע צ ם ־ ג ע ד א נ ק  ו ו ע ג ן  ד ע ר  י י ד י ש ע ר  א ר מ י י  א נ ט ה א ל ט  ק ע ר נ ע ר  פ ו ן  א ז א  ט אָ פּ ל ט ע ר  ב י ר ג ע ר ש א פ ט ,  א י ז  ד אָ ס  א ל י י ן  ג ע נ ו ג ,  א ז  ד י  י י ד ן  א י ן  ג אָ ר  ד ע ר  ו ו ע ל ט  ז אָ ל ן  א י ם  אָ פּ ו ו א ר פ ן  ו ו י  אַ ן  אַ ב ס אָ ־ ל ו ט  ש ע ד ל ע כ ן  פ אַ ר  ז י י .**

„דאָס רעכט צו קעמפן"

אָבער איידער מיר וואַרפן אָפּ ענדגילטיק דעם גע־דאנק וועגן אַ יידישער אַרמיי, מוז מען אויסהערן אויך דעם ציוניסטישן צד. לאָמיר הערן, וואָס די ציוניסטן אַליין זאָגן וועגן דעם ענין.

לייענען מיר אויפרוף נאָך אויפרוף: יעדער אויפרוף איז גע־וויינטלעך אַ פּייערווערק פון פּאַטעטישע פראַזן, וואָס דאַרפן אָנוואַ־רעמען די געפילן און וואָס . . . זאָגן גאָר נישט.

יעדער אויפרוף הייבט זיך אָן מיט פראַזן וועגן יידישן כּבוד און שטאָלץ. „אַ יידישע אַרמיי וועט ראַטעווען דעם כּבוד פון יידישן פאָלק", — דאָס איז דער אַרײַנפיר צו כּמעט יעדן אויפרוף. „מיר קעמפן פאַר דאָס רעכט פון קעמפן", — דאָס איז זייער הויפּט־מאָטאָ. אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין קאַרנעגי־האָל דעם 4־טן פעברואַר ה. י. איז דער הויפּט לאָזונג פון דער פאַרזאַמלונג געוואָרן אַ ווערטל פון איינעם פון די רעדנער: „היטלער האָט  א ו נ ד ז  אָפּגעזאָגט די רעכט צו לעבן אָנשטענדיק, ענגלאַנד זאָגט  א ו נ ז  אָפּ די רעכט צו שטאַרבן אָנשטענדיק!" דאָס זיינען אַלץ פראַזן וואָס קלינגען שיין. און וואָלטן אַרמייען זיך געקאָנט שטיצן בלויז אויף שיין קלינגענדיקע פראַזן, וואָלט די ציוניסטישע אַרמיי געווען אוודאי די שטאַרקסטע אין דער וועלט.

אָבער ווען עס רעדט זיך וועגן אַזעלכע טויט־ערנסטע פראַגן, ווי רעכט צו קעמפן און רעכט צו שטאַרבן, וועט קיינער זיך געוויס נישט לאָזן באַרוישן מיט פּוסטע פראַזעאָלאָגיע.

„אַ יידישע אַרמיי וועט ראַטעווען דעם כּבוד פון יידישן פאָלק"? דאָס זיינען ווערטער וואָס זיינען שוואַרץ אויף ווייס געדרוקט אין מיליאָנען אויפרופן. מוזן אויב אַזוי די ציוניסטן מוחל זיין און דערקלערן קליפּ און קלאָר: ווי אַזוי איז, לויט זיי, ביז היינט פאַר־

שוועכט געוואָרן דער כּבוד פון יידישן פאָלק? און וואו האָבן די יידישן מאסן פאַרלוירן זייער ערע, אַז עס איז נויטיק, אַזש אַ גאַנצע אַרמיי אויף צו ראַטעווען זי? „מיר קעמפן פאַר א ו נ ז ע ר רעכט צו קעמפן״? ווערזשע האָט א ו נ ז ביז היינט באַרויבט פון די דאָזיקע רעכט?

וועט זשע ווער פון די ציוניסטן וואַגן צו באַהויפּטן, אַז אַלע צענדליקער טויזנטער קרבנות, וואָס די יידישע מאַסן האָבן אין משך פון די לעצטע פּאָר דורות געבראַכט אויף פאַרשידענע שלאַכט־פעלדער אין קאַמף פאַר פרייהייט, צי געטריבן דורך געפיל פון ערע און פליכט, — אַז זיי אַלע זיינען געשטאָרבן „נישט אָנשטענדיק״ און אַז בלויז די עטלעכע געפאַלענע יידן פון 38, 39 און 40 ענגלישע קאָלאָניאַלע שיסער־באַטאַליאָנען (דאָס זיינען די נומערן פון די יידישע לעגיאָנען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה) אונטער דער קאָמאַנדע פון איירישן קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, — אַז בלויז זיי זיינען געשטאָרבן „אָנשטענדיק״?

לויט די מאַטעריאַלן פון דער „יונייטעד סטעיטס באָארד אָוו דזשואיש וואָר רעקאָרדס״ האָבן די יידן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געגעבן די פאַראייניקטע שטאַטן פון 30 ביז 40 טויזנט פרייוויליקע און האָבן אין אַלגעמיין אין דער אַרמיי אויסגעמאַכט 4,5 פּראָצענט אָנשטאָט 3 פּראָצענט, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט געבן לויט זייער צאָל־פאַרהעלטעניש אין לאַנד. צי וואָלט דאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען געוונג, אַז אַמעריקאַנער יידן זאָלן זיך פילן שטאָלץ דורכן באַוווּסטזיין פון דערפילטער פליכט, אָדער אפשר איז שוין אויך דעמאָלט דער כּבוד פון די אַמעריקאַנער יידן גע־האָנגען אויף אַ האָר, און עס איז נויטיק געווען נישט אַנדערש, אַז אַביסל אַמעריקאַנער יידישע יונגעלייט זאָלן דינען אונטער קאָלאָנעל פּאַטערסאָן אין סיריע און קליינאַזיע, אַז דער דאָזיקער כּבוד זאָל „געראַטעוועט ווערן״?

אונדזער ענטפער היטלערן. קאָן מען זאָגן: דאָס זיינען ביישפּילן פון אַמאָל, אָבער די היינטיקע מלחמה ווערט געפירט דורך היטלערן אונטערן לאָזונג צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק, מוז קומען דער יידישער ענטפער היטלערן.

און די ציוניסטן טענהן טאַקע, אַז די יידישע אַרמיי מוז קומען ווי אַ יידישער ענטפער היטלערן. מאַכט זשע אַן איבערבליק פון אַלע

שלאַכט־פעלדער אין דער וועלט און זאָגט, צי האָבן מיר זיך צו שעמען מיטן ענטפער, וואָס די יידישע מאַסן האָבן ב י ז ה י י נ ט געגעבן היטלערן? אין ערשטן טאָג פון וועלט־קריג, ווען היטלערס מאָרד־עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אויף די הימלען פון פּוילן, האָט דער פּוילישער „בונד" פאַרעפנטלעכט א רוף צו די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן צו וואַרפן זיך מיט לייב און לעבן אין קאַמף קעגן שונא. דער פּוילישער ראַדיאָ פאַר ווען א רוף פון א יידישער פּאַרטיי איז ביז דעמאָלט געווען טריף, האָט געבראָכן אַלע זיינע רע־אַקציאָנערע טראַדיציעס, און במשך פון טאָג עטלעכע מאָל איבער־געחזרט דעם רוף. מען האָט געוווּסט, דאָס איז דער רוף פון א פּאַרטיי, וואָס געניסט דעם צוטרוי פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן. ד אָ ס א י ז ד ע ר ע נ ט פ ע ר ה י ט ל ע ר ן פ ו ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג א י ן פ ו י ל ן. און יידן האָבן זיך געשלאָגן מיט כבוד אויף די בלוטיקע שלאַכט־פעלדער. און ווען וואַרשע איז אַרומגערינגלט געוואָרן און איר גורל איז געווען געחתמעט, זיינען פּוילישע און יידישע סאָציאַליסטן, פּ. פּ. ס. און „בונד" געווען די ערשטע צו רופן צום ווייטערדיקן ווידערשטאַנד. עס איז געקומען איינער פון די העראָישסטע קאַ־פּיטלען פון היינטיקן קריג, — די העלדישע פאַרטיידיקונג פון וואַרשע מיטן אָ נ ט יי ל פון יידן, און צווישן אַנדערע — א ו י ך ל ו י ט ן ר ו ף פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער מאַסן־באַוועגונג. דאָס איז געווען א יידישער ענטפער היטלערן.

זינט דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 קעמפן די יידן העלדיש אויף אַלע שלאַכט־פעלדער פון דער וועלט. זיי האָבן געקעמפט ביז צום לעצטן אין פראַנקרייך, זיי קעמפן אין ענגלאַנד און אין פּאַציפיק, זיי צייכענען זיך אויס אין ליפערן מוסטערן פון העראָאיזם אפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואו אויסצייכענען זיך איז גאַנץ שווער, ווייל גרויסע מיליאָניקע מאַסן פירן דאָרט צווישן זיך א געוועט אין פאַר־אַכטונג צום טויט און אין געבן מוסטערן פון ביישפּיללאָזן העראָאיזם. סאָוויעטישע צייטונגען און ראַדיאָ דערציילן וועגן רומרייכע בלעטער, וואָס יידישע יונגעליים שרייבן אריין אין היסטאָרישן קאַמף פאַר פרייהייט. אפילו אין די זעלבע אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, וואָס דרוקן אַרטיקלען און אויפרופן וועגן דעם, אז נאָר א יידישע אַרמיי קען ראַטעווען דעם יידישן כבוד, געפינען מיר אַן א שיעור באַשריי־

בונגען וועגן כּבֿוד און רום וואָס עס ברענגען דעם יידישן פאָלק העלדישע יונגעליים אויף היטלערס מזרח־פראָנט (צום ביישפּיל, באַ־שרייבונגען פון תּל־אָביבֿער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגן זשורנאַל" ס. איזאַקס וועגן העלדישע אויפטוען פון יידן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי). אויך געבעלעסן אַגיטאַטאָרן רעדן וועגן דער באַזונדערער פאַרבינסקייט פון די יידישע קעמפער, און דאָס מאָל, גלויבן מיר, זאָגן זיי אמת.

און די אונטערערדישע יידישע מאַסן־באַוועגונג אין אָקופּירטן פּוילן? זייערע אונטערערדישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס וועקן קאַמפּס־לוסט, מוט און האָפענונג צווישן די פאַרפייניקטע יידישע מאַסן אין די געטאָס און באַוועגרונג אין גאָר דער וועלט? דאַרפן די דאָזיקע מאַסן ערשט אויסקעמפן פאַר זיך זייער רעכט צו קעמפן? ניין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן ביי זיי צורויבן אַלע רעכט — דאָס רעכט צו אַרבעטן, און דאָס רעכט צו עסן, דאָס רעכט צו באַוועגן זיך, און דאָס רעכט צו לעבן, אָבער נישט דאָס רעכט צו קעמפן. דאָס דאָזיקע רעכט פאַרלירן זיי ערשט צוזאַמען מיטן לעבן. אַזוי געשעט מיט הונדערטער א ו נ ז ע ר ע קדושים אין היטלערס פּיין־קאַמערן. אַזוי איז געשען מיטן יונגן בונדיסט אין לובלין, וועגן וועמען די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט געמאָלדן אין די לעצטע וואָכן אין אַ באַזונדערן קאָמוניקאַט, אַז די נאַציס האָבן אים אויפגעהאָנגען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך א ו י ס ג ע צ יי כ נ ט אינם אונטערערדישן קאַמף קעגן נאַציזם. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אין דעם שיין פון דעם אַלעמען די גאַנצע שיינע מליצה, אַז די יידישע אַרמיי דאַרף „ראַטעווען דעם כּבֿוד פון יידישן פאָלק", אַז „מיר מוזן זיך אויסקעמפן דאָס רעכט צו קעמפן". אָדער, אַז „מען זאָגט א ו נ ז אָפּ די רעכט צו שטאַרבן אָנשטענדיק". דאָס איז ערגער ווי פּוסטע און פאַרפירערישע פּראַזעאָלאָגיע. ד אָ ס א י ז גרינגשעצונג און פאַראַכטונג פאַרן רע־אַלן יידישן פאָלקס־לעבן, פאַראַכטונג פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן, פאַראַכטונג צו זייער בלוטיקן קאַמף. דאָס איז פאַרשוועכונג פון שענסטן און דערהויבנסטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן במשך פון זיין פיל־הונדערט יאָריקער פּיין־געשיכטע.

פאָן, עמבלעמע און גלײַכע רעכט

און נאָך איין שיין קלינגענדיקע פראַזע גייט פון מויל צו מויל און מאַכט היים די לופט פון די פאַר־זאַמלונג־זאַלן. דאָס איז: „נאָר אַן אייגענע אַרמיי וועט אונז פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק מיט לייטן צוגלייַך". „מיר ווילן זיך פילן ווי אַ גלייכבאַרעכטיקט פאָלק, ווען מיר ווילן וויסן, אַז יידישע זעלנער קעמפן אונטער אַ יידישע פאָן און יידישע עמבלעמען".

פרעגט זיך: איז טאַקע אַ יידישע אַרמיי מיט אַן אייגענער עמבלעמע נויטיק צוליב גלייכהייט? ווען מיר נעמען אַרויס פון שאָלעכץ מליצה דעם קערן פון דער פראַגע, מוז מען ענטפערן מיט אַ קלאָרן: „ניין!" דער סימן פון אַ פאָלק איז נישט קיין אייגענע אַרמיי. אוקראַינער, גרוזינער אָדער טאָטערן אין ראַטן־פאַרבאַנד קאָנען האָבן אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און אַ געפיל פון גלייכהייט, אויב עס עקזיסטירן נישט קיין באַזונדערע אוקראַאינישע, גרוזינישע אָדער טאָטערישע אַרמייען. דאַקעגן באַזונ־דערע לעגיאָנען, וואָס טאָרן זיך נישט אויסמישן מיט דער גאַנצער אַרמיי פון לאַנד, — דאָס איז געוויינטלעך אין דער פראַקטישער פאָליטיק אַ רעזולטאַט פון אומגלייכהייט און דיסקרימינירונגען. מען קאָן צווייפלען אין דעם, צי די נעגערס אין אַמעריקע זיינען שטאַרק באַגייסטערט, ווען מען פרוווט אָפּצוטיילן זייערע רעקרוטן פון אַלע אַנדערע. די מאַראָקאַנער לעגיאָנען פון שפּאַניען און פראַנקרייך זיינען נישט קיין פריווילעגיע פון די איינגעבוירענע, נאָר די פרוכט פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין צאַרישן רוסלאַנד און אין פוילן האָבן די פאַרביסנסטע רעאַקציאָנערן געפאָדערט באַזייטיקן די יידן פון דער אַרמיי, און מען האָט מיט זיי געקאָנט דורכקומען, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן כאָטש באַזונדערע יידישע באַ־טאַליאָנען. דער פוילישער גענעראַל זשעליגאָווסקי, איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פוילישע פאָליטיקער, האָט נישט לאַנג אין לאָנדאָן געפּרוּווט „טעאָרעטיש" באַגרינדן פאַר וואָס די פוילישע יידן דאַרפן אויסגעטיילט ווערן אין אַ באַזונדערע אַרמיי. צי קאָן דען ביי די אַלע באַדינגונגען ביי אימיצן בלייבן אַ ספק, אַז יעדע פאָדערונג אויסטיילן די יידן פון די אַל־געמיינע קאַמפּס־אָפּטיילונגען איז וואַסער אויף דער מיל פון דער אידעע פון אומ־גלייכהייט, אַז אין דער פּראַקטישער פּאָ־

ליטיק קאָן דאָס נישט ברענגען קיין שום נוצן אָבער זיכערן שאָדן.

דער יידישער רעכנונג דער וועלט. און נאָך עפּעס הערט מען: די יידישע ארמיי וועט הייבן דעם אָנזען פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון קריג און זי וועט צוגעבן חשיבות די יידישע פאָדערונגען נאָכן קריג. די יידישע ארמיי — האָט געשריבן איינער פון די ציוניסטישע ארמיי פּרעדיקער — וועט דאָקומענטירן אונזערע רעכט און פאָדערונגען צום שלום־טיש און דעמאָנסטרירן, אז מיר זיינען ווערט צו זיין גלייכע צווישן גלייכע. שטיצנדיק זיך אויף דער ארמיי — האָט געשריבן אן אנדערער ציוניסט — וועלן מיר קענען קומען נאָכן קריג און פאָרשטעלן דער וועלט אונזער רעכנונג.

גלויבן טאַקע די ציוניסטן, אז אונזער חשיבות קאָן זיך שטיצן אויף דעם, וואָס עטלעכע צענדליק טויזנט יידן וועלן אין דער ענגלישער ארמיי אויסגעטיילט ווערן אין יידישע לעגיאָנען?

מען קאָן זיי ראָטן, אויב אזוי, דורכצובלעטערן די געשיכטע פון זייער אייגענעם לעגיאָן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן געהאָפט, אז דורכן לעגיאָן וועלן זיי אויסברייטערן זייערע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע. איז דוקא מיט דער געשיכטע פון יידישן לעגיאָן פארבונדן איינע פון די ערשטע וויטאָגדיקע גזירות, וואָס די יידן האָבן אונטער די ענגלענדער דורכגעלעבט אין פּאַלעסטינע. פּסח 1919 האָט די ענגלישע מיליטער־מאַכט פאַרבאָטן די יידישע לעגיאָנערן אריינצוקומען קיין ירושלים. און דאָס איז געווען נישט דער איינציקער באַווייז פון „געוואונענעם אָנזען". דער פירער פון דעם לעגיאָן קאָלאָנעל פּאַטערסאָן קלאָגט זיך אין זיין געשיכטע פון לעגיאָן, אז דער „יידישער רעגימענט איז אין אַלע ציטן געהאַלטן געוואָרן אין הינטערגרונט און באהאַנדלט ווי א פּאַריאַס".

(פּאַטערסאָן, געשיכטע פון לעגיאָן, זייט 253)

צי דאַרף מען א בעסערן באַווייז, אז חשיבות, אָנזען און אויסגעברייטערטע פּאָזיציעס קומען נישט אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס עטלעכע טויזנט אָדער אפילו עטלעכע צענדליק טויזנט יידן מארשירן מיט א יידישער אָנשטאָט אן ענגלישער אָדער אמעריקאנער עמבלעמע אויף די שליפעס?

די האָפנונג פון די יידישע מאסן הענגט נישט אויף אָפּצייכנס און עמבלעמעס נאָר זיי זיינען געווענדעט צו א נייער וועלט, פאר וועלכער די יידישע מאסן פארגיסן זייער בלוט אויף אלע שלאכט־פעלדער.

און דוקא דערפאר מוזן די יידישע מאסן פראָטעסטירן מיט זייער גאנצער קראפט קעגן דעם, אז זיי דארפן ערשט שאפן פאקטן, וואס זאָלן באַרעכטיקן די יידישע פאָדערונגען צום שלום־טיש, אָדער אז אויף א יידישער ארמיי דארף זיך שטיצן דער יידישער רעכנונג פון דער וועלט.

פאר א ו נ ז ע ר ערן־לעגיטימאציע צו גענים פון גלייכהייט, חשיבות און אָנזען האָבן מיר צו טייער באַצאָלט, אז מיר זאָלן מסכים זיין, אז א ו נ ז ע ר ע רעכט אויף דעם אלעמען דארפן מיר זיך ערשט פאַרדינען.

און א ו נ ז ע ר רעכנונג צו דער וועלט? גלויבן דען טאקע ציוניסטן, אז כדי דער דאָזיקער רעכנונג זאָל שטימען פעלט א ו נ ז נאָך אזש א גאנצע ארמיי?

**אין לאַנד פון ביטערסטן „גלות".**

קיין באַזונדערע יידישע ארמיי דארפן און ווילן נישט האָבן ניט די יידן פון אייראָפּע און ניט די די יידן פון אמעריקע. נישט צוליב זייער כבוד און נישט צוליב זייערע חשבונות מיט דער וועלט. אָבער אפשר דארפן דאָס האָבן די יידן אין פאלעסטינע? די לאַגע פון די יידן אין פאלעסטינע איז דאָך ביז גאָר שווער. פארן קריג האָט דריי יאָר אָן אויפהער אין פאלעסטינע געברענט א העליש פייער. דער אַראַבישער אויפשטאנד קעגן ענגלאנד איז באַגלייט געווען מיט בלוטיקע פאָגראָמען אויף יידן. לאָמיר זען צי די פאלעסטינער יידן זיינען מחמת דעם פאראינטערעסירט אין א יידישע ארמיי.

די גאנצע יידישע וועלט האָט א גרונט צו זיין באַזאָרגט וועגן די 500 טויזנט יידן, וואס לעבן אין פאלעסטינע, מ ע ר ווי וועגן יעדן אנדערן יידישן ישוב. אומעטום זעען די יידישע מאסן פאר זיך א מאָרגן. אומעטום איז דער שונא פון די יידישע מאסן רעאקציע און פאַשיזם. אומעטום האָבן די יידישע מאסן פארבינדעטע צווישן דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. די יידישע מאסן אין פאלעס־

טינע זעען פאַר זיך נישט קיין מאָרגן. זיי זיינען ארומגערינגלט מיט אַ ים פון שׂנאה און זיי האָבן נישט קיין שום פאַרבינ־דעטע צווישן דער אַרטיקער באַפעלקערונג.

די יידישע מאַסן פון פוילן פלעגן טענהן: נעמט אוועק די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע רעדלפירער, לאָזט אונז אויג אויף אויג מיט דער פוילישער פאָלקס־מאַסע, מיט די פוילישע ארבעטער, מיט די פוילישע פויערים, און אונז וועט ניט נאָר קיין שום בייז נישט געשען, נאָר פאַרקערט, די זעלבע זון פון פרייהייט, וווילשטאַנד און גליק וואָס וועט אויפגיין פאַרן גאַנצן פוילישן פאָלק, וועט שיינען אויך פאַר אונז. און אַזוי האָבן געטענהט אויך די יידן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אַזוי פילן היינט די יידן אין גאַנץ אייראָפּע און זיי האָבן זיך נישט גענאַרט אין חשבון: אפילו היינט, ווען מיליאָנען יידן געפינען זיך אונטער היטלערס ממשלה, אונטער אַ מאַכט, וואָס וואָלט נאָר באַלוינט פאַר אויסשחטן די יידן, — דראָט די יידישע מאַסן אין אייראָפּע די קלענסטע געפאַר מצד דער ארומיקער באַפעלקערונג. די יידן פילן זיך מיט זייערע שכנים, צווישן וועלכע זיי לעבן, ווי ברידער אין צער און ברידער אין האָפנונג — אומעטום, מיטן אויסנאַם פון פאַלעסטינע.

צי וואָלטן אויך די פאַלעסטינער יידן געקאָנט און געוואָלט היינט פאַרבלייבן אויג אויף אויג מיט דער אַרטיקער באַפעלקערונג?

צי קאָנען אויך די פאַלעסטינער יידן היינט טענהן: זאָל נאָר דאָס לאַנד ווערן פריי, און אונז וועט שוין קיין שום בייז ניט געשען?

צום באַדויערן, נישט. און אין דעם באַשטייט די גרויסע טראַגעדיע פון דעם האַלבן מיליאָן יידן אין פאַלעסטינע. אַ טראַגעדיע, וואָס האָט ווירקלעך נישט קיין גלייכן צו זיך אין לעבן פון אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים. דאָס איז די שווערסטע טראַגעדיע, וואָס קאָן געמאָלט זיין.

„זיכערהייט אויפן ווולקאַן". נישט איין ייד, וואָס איז באַזאָרגט וועגן גורל און זיכערהייט פונם האַלבן מיליאָן יידישע נפשות, וואָס לעבן אין פאַלעסטינע שטענדיק ווי אויף אַ ווולקאַן, קאָן טראַכטן: אפשר קאָן אַזאַ ארמיי „באַזירט אויף פאַלעסטינע", ווי די ציוניסטן פאָדערן, טאַקע לייזן די פראַגע פון זיכערהייט פאַר די פאַלעסטינער יידן?

און די ציוניסטן רעדן טאקע וועגן דעם אמאָל אָפן אמאָל פאר־שטעלט; די מער פאראנטוואָרטלעכע ציוניסטן מאכן וועגן דעם קאַפּולע אָנצוהערענישן פון דעם מין, אז די „אראבער אימפּאָנירט כּוח" (אין אן ארטיקל פון בן־גוריון). די היציקערע, איבערהויפּט צווישן די רעוויזיאָניסטן, קלימפּערן אָפן מיט געוועד און זיי רעדן און שרייען, אז א יידישע ארמיי איז נויטיק אין פּאַלעסטינע סיי איצטער, סיי נאָכן קריג.

ס'איז לייכט צו באווייזן וויפיל פארברעכערישער לייכטזין טאקע בנוגע דעם שיקזאל פון די יידן, וואָס לעבן אין פּאַלעסטינע, שטעקט אין די אַלע רייד און אָנצוהערענישן. אויפן שמאָלן שטח פון פּאַ־לעסטינע לעבן ביי א האלבן מיליאָן יידן און איבער א מיליאָן אראַ־בער. פּאַלעסטינע איז ארומגערינגלט מיט אראבישע לענדער וואו עס לעבן נאָך העכער 30 מיליאָן אראבער.

די אראבער אין פּאַלעסטינע זיינען א מערהייט, און זיי ווילן נישט ווערן א מינדערהייט. זיי מיינען, אז א יידישע ארמיי איז גע־ווענדט קעגן זיי, און אז איר ציל וועט זיין העלפן פארוואנדלען פּאַ־לעסטינע אין א יידישע מלוכה, וואו די היינטיקע יידישע מינדער־הייט זאָל ווערן דער באַלעבאָס. און די אראבער וואָלטן אויפגענומען דאָס אויפשטעלן א יידישע ארמיי אין פּאַלעסטינע, ווי א קריגס־דער־קלערונג קעגן זיי.

דאָס איז די סיבה פאר וואָס ענגלאנד האָט צוריקגעצויגן דעם צוזאָג צו שאפן יידישע לעגיאָנען. מען קאָן מסכּים זיין מיט די ציו־ניסטן, אז ענגלאנד האָט פארדעקנדיק זיך דערביי מיט פארשידענע פּוילע תירוצים, ווי מאנגל אין געווער, געהאנדלט זייער נישט אויפ־ריכטיק. נישט אונזער ציל איז צו פארטיידיקן די ענגלישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, פאר וועלכער די וועלט־דעמאָקראטיעס צאָלן היינט אזא טייערן און בלוטיקן פּרייז. פּונקט אזוי נישט אויפריכטיק, ווי דער היינטיקער אָפּזאָג, זיינען מסתּמא געוועזן די פריערדיקע צו־זאָגן. אין ענגלישן קאָלאָניאַל־מיניסטעריום זיינען נאָך מסתּמא פאראַן געננוג באאמטע פון דער אלטער שול, וואָס האלטן, אז די העכסטע חכמה פון רעגירן איבער א פרעמד לאַנד באשטייט אין טיילן מיט א ברייטער האנט צוזאָגן און פארשפּרעכנס צו פארשידענע רעליגיעזע און נאציאָנאַלע גרופּן, קיין מאָל גאָר נישט מקיים זיין און קיין מאָל ענדגילטיק נישט אָפּזאָגן, כּדי צו האלטן די פארשידענע גרופּן גע־שפּאַנט און אויפגערייצט איינע קעגן די אַנדערע. עס איז אָבער א סוד

פאר גאנץ בראָד, אַז די איינציקע סיבה, פאַר וואָס ענגלאַנד זאָגט איצט אָפּ די יידישע אַרמיי, איז, ווייל זי וויל נישט היינט, אין אָט דער ביטערער צייט, צופיל צערייצן און אָפּשטויסן די אַראַבער. אַפילו צווישן די ציוניסטן לייקנט קיינער נישט, אַז אַ יידישע אַרמיי וואָלט צערייצט די אַראַבער. אין זיינע דעראינערונגען פון אַמעריקן יידישן לעגיאָן, האָט זשאַבאָטינסקי מודה געווען, אַז יידישע זעלנער געהערן צו די זאַכן, וואָס אָן שום ספק רייצן זיי די אַראַבער. נאָר ער האָט געפונען אַ טרייסט, אַז „אַ צומיש פון ביטערער צערייצונג איז פאַראַן אין יעדער רפואה". אויך די ציוניסטן פון אַלע אַנדערע ריכטונגען נעמען אָן פאַר באַוויזן, אַז אַ יידישע אַרמיי וואָלט אויפגערייצט די אַראַבער, אָבער זיי פאַרלאַנגען פון ענגלאַנד נישט צו „אָפּיזן" די אַראַבער.

וועגן דעם, צי מען דאַרף יאָ, אָדער מען דאַרף נישט „אָפּיזן" די אַראַבער וועלן מיר ריידן ווייטער. וויכטיק איז, אַז קיינער צווייפלט נישט, אַז די יידישע אַרמיי וואָלט גערייצט די אַראַבער. אַז די אַראַבער וואָלטן — גערעכט צו אומגערעכט — דאָס באַטראַכט ווי אַ דערקלערונג פון קריג. ווער עס שטיצט די פאָדערונג פון אַ יידישער אַרמיי, דאַרף זיך פאַרטראַכטן, צי ער איז גרייט צו טון עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט אויסגעטייטשט פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, ווי אַ דערקלערונג פון קריג לגבי איר. און ער דאַרף זיך פאַרטראַכטן צי אַזאַ אַקט פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט די זיכערהייט פון די יידן אין פאַלעסטינע.

גלויבט מען, אַז נאָך דעם ווי דער קריג וועט זיך ענדיקן, דאַרף זיך אָנהייבן אַ יידיש-אַראַבישע מלחמה און אַז די 17 מיליאָן יידן אין גאָר דער וועלט דאַרפן אַרויסטרעטן אין קריג קעגן די 30 מיליאָן אַראַבער פון נאָענטן מזרח אין קאַמף פאַר פאַלעסטינע, דעמאָלט דאַרף מען גרייטן די „רפואה", וואָס האָט אַ „צעמיש פון ביטערער רייצונג", — דאַרף מען גרייטן אַרמייען. די יידן וועלן גרייטן אַן אַרמיי, און די אַראַבער וואָס וועלן טון?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די ציוניסטן האָבן אויסגעפירט: מען האָט געשאַפן אַ יידישע אַרמיי, באַזירט אויף פאַלעסטינע. אָבער דאָרטן וואָלט זיך גלייכצייטיק געשאַפן אויך אַן אַראַבישע אַרמיי. קעגן דער יידישער אַרמיי וואָלט געשטאַנען אַן אַראַבישע, — און דאָס איז אַן אַטמאָספער וואָס איז אָנגעלאָדן מיט שׂנאה און אויפרייס-שטאָפן. מער ווי דאָס פעלט שוין טאַקע היינט נישט דעם יידישן אינזל אין דעם צעבושעוועטן אַרום אַראַבישן ים!

**עס איז פאַראַן אַן עצה**

קאָן מען פרעגן: אויב די יידן אין פּאַלעסטינע זיינען היינט מער באַדראָט ווי ערגעץ וואו אַנדערש, און אויב מען האַלט, אַז אַ יידישע אַרמיי וועט זייער לאַגע מאַכן נאָך שווערער און נאָך מער אומזיכער, מוז מען דאָך אָנווייזן עפּעס אַן אַנדערע עצה פאַר זיי. מען קאָן דאָך נישט לאָזן אויף הפקר אַ ישוב מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות.

און ריכטיק, אַן עצה מוז מען געפינען. און אַן עצה איז דאָ. אויב מיר האָבן געשריבן, אַז די פּאַלעסטינער יידן האָבן נישט קיין האָפנונג און קיין מאָרגן, איז דאָס צוליב די אומשטענדן, אין וועלכע זיי לעבן היינט. און מען מוז האָבן מוט צו ענדערן די אומשטענדן.

קוקט זיך צו צו דער אַנטוויקלונג פון די יידיש־אַראַבישע פאַר־העלטענישן. זיי זיינען נישט אַלע מאָל געווען אַזעלכע ווי היינט און זיי מוזן נישט זיין אַזעלכע ווי היינט. געווען צייטן ווען יידן האָבן מיט אַראַבער זיך פרידלעך איינגעלעבט. געווען צייטן ווען זיי האָבן געהאַט צווישן די אַראַבער נישט בלויז שונאים.

אָבער שוין אין 1929 האָבן די ענגלישע שליחים שאָו און סימפּסאָן פעסטגעשטעלט, אַז אַ ל ע אַראַבער זיינען ווי איין מענטש קעגן די יידן. שאָום קאָמיסיע שטעלט פעסט אין 1929, אַז די אַראַבער האָבן פיינט געקראָגן די יידן, ווייל זיי באַטראַכטן זיי ווי אַ ש ט ע ר ו נ ג אויפן וועג פון דער אַראַבישער א ו מ אָ פּ־ה ע נ ג י ק יי ט און אָט די געפילן פון שנאה זיינען פון יאָר צו יאָר געוואַקסן און געפירט צו אַלץ מער טרויעריקע געשעענישן.

די ענגלישע קעניגלעכע קאָמיסיע (פּיל־קאָמיסיע), וואָס האָט נאָכן אויסברוך פון די אומרועןאין 1936, געפאָרשט זייערע סיבות, שרייבט אין איר באַריכט פון יולי 1937:

„מיר האָבן דערוואַרט צו טרעפן צוויי נאַציעס קעמפנדיק אין שויס פון איין מלוכה, אָבער מיר האָבן נישט דערוואַרט צו געפינען אַזאַ טיפן תהום צווישן זיי און אַזעלכע שוועריקייטן צו שאַפן אַ בריק".

„דער קאָנפליקט — זאָגט זיך אין זעלבן באַריכט אין אַ צווייט אָרט וואַקסט בסדר און מיט מער ביטערניש . . . אין די פריערדיקע יאָרן האָבן זיך די אומרועןנישט פאַרשפּרייט צווישן די פעלאַכן. היינט איז דאָס אַן אַ ל ג ע מ יי נ ע זאַך. די ערשטע דריי מאָל זיינען די אומרועןגעווען געווענדעט נאָר קעגן יידן. די לעצטע צוויי שוין אויך קעגן ענגלאַנד. און די אינטענסיוויטעט וועט שטייגן".

אין משך פון יאָרן צוזאַמענלעבן איז צווישן די יידן און די אַראַבער אין פּאַלעסטינע אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. די אומרועז האָבן אַרומגענומען אַ ל ע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר הילפלאָז צו באַהערשן די לאַגע. דער ענגלישער כּוח האָט נישט געווירקט. די ענגלישע פאָרשונגס־קאָמיסיעס זיינען געצוואונגען געווען צו דערקלערן, אַז אין די היינטיקע באַדינגונגען פון מאַנדאַט זיינען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן איינצופירן רו און אָרדנונג אין פּאַלעסטינע.

די פּאָגראָמען קעגן יידן אין פּאַלעסטינע האָבן נאַטירלעך און מיט רעכט, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאָגראָמען אומעטום, געוועקט צאָרן און געפילן פון עמפּערונג קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס און וואַרעמען מיטגעפיל צו די קרבנות פון די פּאָגראָמען. אָבער די לאַגע פון די יידן אין פּאַלעסטינע איז צום באַדויערן בעת די פּאָגראָמען געווען שווערער ווי אַנדערשוווּ אין אַן ענלעכער לאַגע. דאָ, — ווי אומעטום בשעת פּאָגראָמען, — האָבן די יידן געשאַפן אַ זעלבסטשוץ קעגן די גרויזאַמע איבערפאַלן. אָבער אין זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען זיינען סיי אין אַמאָליקן רוסלאַנד, סיי אין פּוילן געווען טעטיק אויך רוסישע און פּוילישע אַרבעטער און אינטעליגענטן. דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל אין דער זעלבער צייט ווען די זעלבסטשוץ־גרופּן האָבן געקעמפט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן אָבער גלייכצייטיק ברייטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט זיך מיטבאַטייליקט אין קאַמף פאַר אַלעמענס פרייהייט אין לאַנד, און פאַר אַן אָרדנונג, וואו פינסטערע חיהשע עלעמענטן זאָלן מער נישט קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר בלוטיקע מעשׂים, וואָס זיינען נויטיק בלויז דעם אונטערדריקונגס־רעזשים. אויך אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגן אָפט פינסטערע, אויפגעהעצטע פּויערים, אויסלאָדן זייער חיהשע אינסטינקטן קעגן יידן. אָבער זייער אומצופרידנהייט פלעגט געלינגען ביי אַנדערע אומשטענדן צו פאַרווענדן פאַר רעוואָלוציאָנערע צילן. און דאַן פלעגן זיי קוקן אויף די יידישע מאַסן ווי אויף זייערע פאַרבינדעטע. די יידן אין פּאַלעסטינע זיינען געבליבן איינע אַליין, ווייל דער ציוניזם האָט זיך לכתחילה געשטעלט אין אַ פּאָזיציע נישט פון אַ פאַרבינדעטן פון די אַראַבישע מאַסן, וואָס קעמפן פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט, נאָר פון זייערן אַ קעגנער. אָט די לאַגע מוז געענדערט ווערן, און וועט דאָס געשען וועט די ברייטע אַראַבישע מאַסע לייכט קאָנען באַגרייפן, אַז די העצע צו בלוטיקע מעשׂים קעגן אַ צווייטן טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַן אומגליק אַפילו אויך פאַר איר פרייהייטס־קאַמף.

און, פאַרקערט, וואָס מער די ציוניסטן טרומייטערן, אַז זיי ווילן שאַפן אַ יידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע מיט אַ יידישער מלוכה, וואו די היינטיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג זאָל ווערן אַ מינ־דערהייט און זאָלן בלייבן ווי אונטערטאַנען פון אַ יידישער מדינה, וואָס מער די ציוניסטן שטעלן זיך אַנטקעגן די פאָרשלאָגן פון אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון לאַנד, — אַלץ מער צערייצט ווערן די אַראַבער און אַלץ אַ בעסערן באָדן געפינט צווישן זיי די בלוטיקע העצע.

אָבער יידן און אַראַבער קאָנען פאַקטיש נאָך אַמאָל פרידלעך לעבן צוזאַמען אין אַ באַפרייטן פּאַלעסטינע, אָדער אין אַ פרייער פעדעראַציע פון לענדער אין נאָענטן מזרח. דאָס זאָל קאָנען געשען — וועט מוזן פריער באַזייטיקט ווערן דער גרעסטער שטיין אין וועג צו אַזאַ פרידלעך צוזאַמענלעבן: די אידעע, אַז דער באַלעבאָס פון לאַנד איז די יידישע מינדערהייט. און אין די אינטערעסן פון יידישן ישוב דאַרף מען זאָגן: הלואי זאָל דאָס געשען וואָס פריער!

**ניכטערע וואָרנונגען און ווירקלעכקייט**

די ציוניסטן מאַכן זיך איצט אַ לייכט לעבן, צוּוואַרפנדיק דעם גאַנצן בלוטיקן פּאַלעסטינער פעקל היטלערן מיט מוסאָלינין. זיי זאָלן דאָס האָבן אויפגעהעצט די אַראַבער קעגן די יידן. און אויב מען וויל זיין קעמפעריש קעגן פאַשיזם, טאָר מען דעריבער נישט זיין נאָכגיביק לגבי די אַראַבער.

וואַרשיינלעך האָט דער פאַשיזם טאַקע געהאַט אַ האַנט אין די פּאַלעסטינער אומרוען. היטלער און מוסאָליני האָבן געקאָנט אָפּקויפן דעם מופטי און נאָך אַביסל מענטשן זיינע, און געבן זיי מאָרד־מכשירים אין האַנט. אָבער די אַראַבער זיינען אַ פאָלק מיט פּאַרטייען, געזעלשאַפטלעכער דיפערענצירונג און מען טאָר נישט אַלץ אַרויפ־וואַרפן אויף היטלערן, אויב דאָס גאַנצע אַראַבישע פאָלק ווי איין מענטש איז געשטימט קעגנעריש צום יידישן ישוב. און די ציוניסטן אַליין זיינען בפירוש נישט אויפריכטיק, ווען זיי שטעלן פאָר דעם אַראַבישן אויפברויז אין פּאַלעסטינע אויסשליסלעך ווי אַ קינד פון פאַשיזם.

מיר האָבן צענדליקער באַווייזן, אַז ווען דער פאַשיזם האָט זיך נאָך קיינעם אין דער וועלט נישט געחלומט, האָבן די ציוניסטן גוט

געוווּסט, אַז זייערע מלוכה־אַספּיראַציעס זײַנען אַן אַרויספֿאָדערונג לגבּי די אַראַבער, אַז זיי קאָנען אַרויסרופֿן בלויז אַ געפֿיל פֿון מרידה און רעוואָלט צווישן די אַראַבישע מאַסן.

נעמט, למשל, ווי אַזוי דער ציוניסטישער פֿירער ווייצמאַן האָט אין 1919 פּאָלעמיזירט מיט די מער אומגעדולדיקע צווישן די ציוניסטן וואָס האָבן געפֿאָדערט שוין דעמאָלט אַ יידישע מלוכה. אויף אַ ציוניסטישער קאָנפֿערענץ אין לאָנדאָן, דעם 26־טן נאָוועמבער 1919, האָט ער געזאָגט:

„פֿאַרטראַכט זיך וועגן די אַראַבער. מען וועט זיי זאָגן, אַז אָט זײַנען די יידן, וואָס ווילן אויפֿשטעלן אַ יידישע מלוכה. איבער אייך וועט דאָמינירן אַ קלייניקע מינדערהייט. וואָס וועלן די יידן טאָן שפּעטער? זיי וועלן צונעמען אייער לאַנד".

„איך זאָג נישט און איך וויל נישט זאָגן, אַז מיר גייען באַזייטיקן 700 טויזנט אַראַבער פֿון לאַנד. איך מיין נישט, אַז דאָס איז נויטיק. איך מיין, אַז דאָס איז אומרעכט. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט פּאָ־ ליטיש. לייכט צו זאָגן: איר, אַראַבער, גייט אַוועק. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז זיי וועלן נישט אַוועקגיין?"

„עס וואָלט געווען זייער אַ לייכטע זאַך צו קומען און פֿאָדערן אַ יידישע מלוכה. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז מיר האָבן געפֿאָדערט און באַפֿרידיקט אַביסל פֿייער־שלינגער. וועלן מיר דאָס קריגן?"

„אָבער לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַ נס איז געשען און מיר האָבן געקראָגן פּאַלעסטינע אַזוי אײַנגאַנצן מיט האַק און פּאַק, און די 700 טויזנט אַראַבער וואָלטן אָנגעהויבן אַ רעוואָלט. אָנשטאָט אויסגעבן געלט אויף באַוואַסערונגס־אַרבעטן, וואָלט איר גע־ דאַרפֿט דערטרינקען אייער געלט אין אויפֿשטעלן אַרמייען. דעמאָלט וואָלט איך געווען אַ בעלן צו הערן די רעדעס".

(ציטירט לויטן סטענאָגראַפֿישן טעקסט פֿון דער רעדע, אַרויסגעגעבן דורך דער ענגלישער ציוניסטישער פֿעדעראַציע אין לאָנדאָן.)

אַזוי האָט ווייצמאַן גערעדט אין 1919. מיר זעען, אַז שוין דעמאָלט, ווען היטלער איז געווען אַן אומבאַקאַנטער יעפֿרייטאָר, און דער פֿאַשיזם איז נאָך נישט געווען אַפֿילו אין די וויקעלעך — דעמאָלט האָט מען שוין אין די רייען פֿון ציוניזם גוט געוווּסט, אַז דער לאָזונג „יידישע מלוכה" שמעקט מיט פּולווער, מיט אַרמייען און

מ י ט . . . א ר א ב י ש ן ר ע ו ו א ל ט. און ווען די ציוניסטן האָבן שפּעטער, נישט געקוקט אויף אַלע ניכטערע וואָרנונגען, געפּאָלגט זייער אייגענע „פּייער־שלינגער", האָבן זיי געוווּסט אויף וואָס זיי גייען. זיי האָבן זיך געטרייסט, אַז זיי האָבן הינטער זיך שטאַרקע פּלייצעס — די ענגלישע זעלנער. יאָרנלאַנג האָבן שפּעטער די ציוניסטן געקלימפּערט מיט . . . ענגליש געווער. און ווייצמאַן אַליין איז שפּעטער פּיל מאָל נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און ער איז געגאַנגען און האָט געפירט די ציוניסטישע באַוועגונג אויף וועגן, קעגן וועלכע ער אַליין צוזאַמען מיט אַנדערע ניכטערע ציוניסטישע פּאָליטיקער האָבן לכתחילה געוואָרנט. ווייסן דען דאָס אַלץ נישט די ציוניסטן ?

די בעריישע טובות.

יאָרן לאַנג האָט זיך אין פּאַלעסטינע געזאַמלט ברענשטאָף, און די ציוניסטן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אָנגעצונדענע קנויטן. זיי האָבן ביטער געקעמפּט קעגן איינפירן אין לאַנד אַ געזעצגעבערישן ראַט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען צום וואָרט די אַראַבישע מערהייט, זיי האָבן גערעדט וועגן טראַנספערירן אַראַבער פון לאַנד.

פאַר דער פּיל־קאָמיסיע האָט איינער פון די „פּייער־שלינגער", דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער רעוויזיאָניסטישער פירער זשאַבאָטינסקי אין זיין עדות־זאָגן געמאַכט פּאַרוואָרפן, הלמאי מען באַהאַנדלט די פּאַלעסטינער „קאָלאָניע" אַנדערש ווי קעניא. דאָס הייסט אַנדערש גערעדט — אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל באַהאַנדלען די אַראַבער ווי אַ פאַרשקלאַפטע רעכטלאָזע מאַסע.

און מען האָט געקלימפּערט נישט נאָר מיט ענגליש געווער. אויף די ניו־יאָרקער צייטונגס־שטעלן („סטענדס") טרעפט מען נאָך היינט אַ ביכל „אונזער קאַמף פאַר גאַנץ ארץ ישראל", אַרויסגעגעבן אין 1938 פון איינעם שמואל מעדוויעד, וואו דער מחבר רימט די נייע ציוניסטישע יוגנט דערפאַר, וואָס זי „האָט זיך געשאַפן אַ נייעם ציוניסטישן גאָט" און האָט געוואָרפן אַ לאָזונג אין דער יידישער גאַס: „ארץ ישראל פאַר אַ יידישע מלוכה מוז דורך א ו נ ז דעראָבערט ווערן, אַפילו מיט געווער אין האַנט". וואָלט דאָס געווען

בלויז פלוידעריי פון א ניו־יאָרקער צעהיצטן יונגנמאַן, וואָלט נישט געלוינט אויף דעם צו לייגן די מינדסטע אכט. אָבער די זעלבע אומ־פאַראַנטוואָרטלעכע טענער האָבן געקלונגען בכל תפוצות ישראל. אומעטום האָבן ציוניסטישע יידן געקלימפּערט מיט געווער און פאַר־שידענע גרויסע און קליינע מעדוויעדס האָבן נישט אויפגעהערט צו טון דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע זייערע ב ע ר י ש ע ט ו ב ו ת.

נאָך דעם אַלעמען האָט זיך אין פּאַלעסטינע געשאַפן די היינטיקע לאַגע. נאָך ערנסטער וועט זיין די לאַגע נאָכן קריג. די ענגלענדער האָבן נאָך פאַרן קריג דערקלערט, אַז זיי זעען נישט קיין באַדינגונ־גען, ווי אַזוי אויסצופירן דעם מאַנדאַט. און אפילו בלינדע זעען שוין היינט, אַז דער קריג מוז פירן צו זעלבשטענדיקייט פון אינדיע, אַראַביע, פון גאַנצן נאָענטן מזרח. די אַלטע ענגלישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק האָט באַנקראָטירט. אין פייער פון קריג שמידט זיך א נייע ענגלישע טאַקטיק: מען גרייט זיך ווי ווייט מעגלעך צו באַפרידיקן די אַספּי־ראַציעס פון די פעלקער, וואָס שטרעבן צו אומאָפּהענגיקייט.

דער מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע וועט נישט קאָנען איינגעהאַלטן ווערן, און פּאַלעסטינע אָן ענגלישן מאַנדאַט, באַדייט פּאַלעסטינער יידישער ישוב אָן דער שוץ פון ענגלישן געווער. די יידן אין פּאַ־לעסטינע וועלן פאַרבלייבן אַליין אויג אויף אויג מיט די אַראַבער. און בלייבן זיי אויף זייער ביז־איצטיקער פּאָזיציע פון ציוניזם, פון א יידישער מלוכה, פון א מינדערהייט וואָס מוז ווערן א מערהייט, פאַרבלייבן זיי אין דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך היינט: אָן פּערספּעקטיוו, אָן א מאָרגן, אַליין צווישן כוואַליעס פון צעבושעוועטן האַס, אָן פאַרבינדעטע צווישן דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג, און א יי ד י ש ע א ר מ יי איז אין דעם פּאַל בלויז ב ו י מ א יי ל א ו י פ ן פ יי ע ר.

און דער איינציקער אויסוועג פאַר די פּאַלעסטינער יידן איז: מוטיק איבעררייסן מיטן ציוניסטישן נעכטן. שלום מיט די אַראַבער — דאָס איז די איינציקע האָפנונג און ליכט־שטראַל וואָס בלייבט פאַר די פּאַלעסטינער יידן.

און וואָס גיכער דער שלום וועט קומען, אַלץ בעסער וועט זיין.

„א יי ד י ש ע א ר מ יי ב א ז י ר ט א ו י ף פּ אַ ־ ל ע ס ט י נ ע", — ב אַ ד יי ט צ ו נ י ש ט מ אַ כ ן אַ ל ע אַ ז ע ל כ ע פּ ר ו וו ן פ ו ן ש ל ו ם.

„שאַנד" פון דער   און אינטערעסאַנט: צי זיינען די פּאַלעסטינער
פּאַלעסטינער   יידן אַליין אויך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאַרן
יידישער יוגנט? גערדאַנק פון אַ יידישער אַרמיי, אַזוי ווי די ציוני-
ניסטן אין אַמעריקע? פון די קאַרגע ידיעות, וואָס
גרייכן היינט אַהער פון פּאַלעסטינע, זעט מען נישט, אַז ד אָ ר ט ן זאָל מען אַזוי שטאַרק רודערן מיט דער יידישער אַרמיי, ווי ד אָ אין ניו־יאָרק. אין אָנהייב פון קריג האָט, לויט די ציוניסטישע ידיעות, די יידישע אַגענץ אין פּאַלעסטינע פאַררעגיסטרירט ביי 130 טויזנט מענער און פרויען אין עלטער פון 18 ביז 50 יאָר, פעאיקע צו מי־ליטער־דינסט. אָנהייב פאַריקן האַרבסט — נאָך איידער ענגלאַנד האָט צוריקגעצויגן איר פריערדיקן צוזאָג צו שאַפן יידישע לעגיאָנען — האָט מען פון צווישן די פאַררעגיסטרירטע 130 טויזנט גענומען ווער־בירן וואָלונטירן אין דער אַרמיי . . . קלאָר, אַז מען האָט דעמאָלט געהאַט אין זינען, אַז די וואָלונטירן זאָלן בילדן דעם קערן פון דער יידישער אַרמיי. אָבער מיט גרויס פאַרדרוס און אויפרעגונג האָבן די ציוניסטישע פירער אין פּאַלעסטינע פעסטגעשטעלט, אַז פון די פאַררעגיסטרירטע 130 טויזנט האָבן וואָלונטירט בלויז . . . 6 פּראָ־צענט.

דער פּ. צ.שער „דבר" איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט ביטערע שטראָף־רייד קעגן דער „ליידיק־גייערישער יוגנט". דער „דבר" האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז אַחוץ די, וואָס האָבן זיך געמאָלדן פאַר וואָלונ־טירן, זיינען פאַראַן נאָך פיל יונגטלעכע אין וואָלונטיר־עלטער, וואָס מאַכן פול די קינאָס, די קאַפעס און פאַרגניגן־הייזער, די טראָטואַרן און שפּיל־פּלעצער. „זיי דעמאָנסטרירן א ו נ ז ע ר  שאַנד" — האָט זיך געבייזערט דער „דבר".

און דער פירער פון די פּאַלעסטינער יידישע לאַנדווירטן סמי־לאַנסקי האָט זיך געקלאָגט: . . . „דער ווילן צו וואָלונטירן ווערט מעגלעך נאָר אין אַ באַשטימטער אַטמאָספער פון התלהבות און זעלבסטפאַרגעסנהייט. אַזאַ אַטמאָספער האָבן א ו נ ז ע ר ע פאַר־שטייער נישט פאַרשטאַנען צו שאַפן" . . . „וואו עס פעלט התלהבות — שרייבט ער ווייטער — געפינט מען שוין אַ היתר פאַר זיך נישט צו וואָלונטירן".

אין דער דאָזיקער שטימונג פון „מאַנגל פון התלהבות" האָט מען קאָנטיק געפּרוּווט אָנווענדן דרוק־מיטלען לגבי דער יידישער יוגנט; ווייל פּונקט אין דערזעלבער צייט איז דער פירער פון „ברית־שלום" (אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר ציל איז פאַרשטענדיקן זיך מיט די אַראַבער), דער פּאַרוואַלטער פון ירושלימער אוניווערזיטעט ד"ר מאַגנעס, אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן אויפרוף קעגן אַ באַזונדערער יידישער רעקרוטירונג. אין אויפרוף האָט ער געשריבן:

„לויט מיין מיינונג איז פליכט־רעקרוטירונג דורך דער רעגירונג דער ריכטיקער וועג, — דער דעמאָקראַטישער. אָבער כל זמן קיין פליכט־רעקרוטירונג דורך דער רעגירונג איז נישטאָ, וויל איך האָפן, אַז קיין אַנדערע וועלן נישט פּרוּוון זיך באַנוצן מיט צוואַנג־מיטלען קעגן דער יידישער יוגנט".

אַלגעמיינע פליכט־רעקרוטירונג דאָס איז אַן אַרמיי פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, — פון יידן און אַראַבער. וואָלונטירונג נאָר פון יידן מיט צוואַנג־מיטלען פון דער יידישער אַגענץ — דאָס האָט געזאָלט זיין דער אָנהייב פון אַ יידישער אַרמיי. און אויב די יידישע יוגנט אין פּאַלעסטינע האָט, לויטן אויסדרוק פון די ציוניסטן, נישט אַרויסגעוויזן קיין התלהבות פאַר אָט דער וואָלונטירונג, האָט זי זיך, גלויבן מיר, נישט „באַדעקט מיט שאַנד", אַזוי ווי דאָס וויל האָבן דער „דבר". די יידישע יוגנט אין פּאַלעסטינע איז מסתמא נישט ווייניקער אידעאַליסטיש און איז פעאיק אויף נישט קיין קלענערן מסירת־נפש, ווי די יידישע יוגנט אין אַנדערע לענדער. אָבער דאָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, וואָס דווקא יענער טייל פון דער יידישער יוגנט, וואָס טראָגט אויס אויף זיך די הויפּט אַרבעט פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, — זי איז אין דער מערהייט נישט באַגייסטערט פאַר דער יידישער אַרמיי. עס האָבן אמת, אונטער דעם געשאַפענעם דרוק, שפּעטער „וואָלונטירט" אין פּאַלעסטינע נאָך עטלעכע טויזנט יידישע יונגעלייט, אָבער ציוניסטישע צייטונגען פון אַלע ריכטונגען אין פּאַלעסטינע האָבן נישט אויפגעהערט פעסטצושטעלן, אַז פאַר דער מאָביליזאַציע פעלט באַגייסטערונג. דאָס איז אָבער נישט קיין צופאַל: דאָס באַווייזט, אַז די יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע אין זייער מערהייט פילן, אַז אַ יידישע אַרמיי אין פּאַלעסטינע באַדייט אַנציינדן אַ קנויט צווישן פעלקער־פעלקער, און זיי ווילן נישט זיין קיין אונטערצינדער פון זייער אייגענער היים.

**וועגן „אַפּיזערײַ"**

אײנער פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטישע פירער אין ענגלאַנד, פּראָפעסאָר נאָרמאַן בענטוויטש, האָט אָנהייב פעברואַר היי יאָר גערעדט דורך ראַדיאָ קיין אַמעריקע. אין זיין ראַדיאָ־רעדע האָט דער דאָזיקער ציוניסטישער וויסנשאַפטסמאַן און פאַכמאַן אין די פּאַלעסטינער פאַרהעלטנישן זיך באַמיט צו געבן צו פאַרשטיין דעם אַמעריקאַנער עולם, אַז ענגלאַנד האָט אין דער פראַגע יידישע אַרמיי ריכטיק געהאַנדלט, און אַז זי האָט אַנדערש ניט געטאָרט האַנדלען.

> „דער ענטפער אויף די פראַגע איז אַן אײנפאַכער — האָט פּראָפעסאָר בענטוויטש געזאָגט — די באַציאונגען צווישן די אַראַבער, די יידן און די ענגלענדער אין פּאַלעסטינע זיינען נאָך אַליץ זייער דעליקאַטע. די רעגירונג איז דעריבער פאַראינטערעסירט, אַז קיין זאַך זאָל נישט געטאָן ווערן וואָס קאָן די באַציונגען נאָך מער פאַרשאַרפן. ווי אַ געוועזענער באַאַמטער אין פּאַלעסטינע קען איך פאַרשטיין די שוועריקייטן".
> ז

ווי מיר זעען, געפינט מען אַפילו צווישן אָנגעזעענע ציוניסטן ניכטערע מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו גיסן קאַלט וואַסער אויף די צעהיצטע קעפּ פון די ציוניסטישע אַרמייער.

בענטוויטש שטעלט די פראַגע אָפן: מען קאָן נישט שאַפן קיין יידישע אַרמיי צוליב די דעליקאַטע באַציִונגען מיט די אַראַבער.

אויף דעם ענטפערן געווינטלעך די היציקע אַרמיי־פּרעדיקער מיט צאָרן און געבייזער: יאָ, ריכטיק, אַ יידישע אַרמיי וואָלט טאַקע צערייצט די אַראַבער. אָבער געוואַלט, געשריגן: ווי קאָן מען מיט דעם זיך רעכענען? און מען ליאַרעמט: ענגלאַנד טרייבט שוין ווייטער איר באַנקראָטירטע אַפּיזמענט־פּאָליטיק, זי גייט אַפּיזן די אַראַבער! און דאָ ווערט באַלד געמאַכט אַ האָקוס פּאָקוס, און יעדער קעגנער פון אַ יידישער אַרמיי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ הונדערט פּראָצענטיקן „אַפּיזער", רחמנא לצלן . . .

מוז מען אויף דער פראַגע געבן אַ קלאָרן ענטפער: איז דאָס אַ מ צ ו ה אָדער אַ פ אַ ר ב ר ע כ ן צו „אַפּיזן" די אַראַבער?

לאָמיר נישט מורא האָבן פאַר קיין ווערטער. דער טייטש פון „אַפּיזן" איז באַרואיקן, מילדערן, געפינען אַ פרידלעכן אויסוועג, דורכקומען מיט גוטן. ענגלאַנד האָט אַמאָל צו רעה פון דער גאַנצער מענטשהייט געוואָלט דורכקומען מיט גוטן מיט היטלערן. איז דען זשע צוליב דעם אויף אײביק פּסול געוואָרן דער באַגריף — דורכ־

קומען מיט גוטן? אויב פון פייער זיינען אויסגעבראָכן שריפות, וועלן מענטשן מחמת דעם אויפהערן צו נוצן פייער צום קאָכן? אויב פרידן האָט געבראַכט צום אומגליק, וועלן מענטשן זיך אָפּזאָגן פונם אידעאַל פון פרידן?

מען טאָר נישט אפּיזן היטלערן און זיינע אַגענטן. און נאַציִשע אַגענטן זיינען פאַראַן אומעטום, און געוויס אויך צווישן די אַראַבער. אָבער צי דאַרפן די ענגלענדער „אַפּיזן" די הינדוסן אין אינדיע און געווינען זיי ווי אַ שותף אין קאַמף קעגן פאַשיזם? צי האָבן די ענגלענדער גוט געטאָן וואָס זיי האָבן יאָרן לאַנג אונטערדריקט און נישט געוואָלט „אַפּיזן" די איינגעבוירענע באַפעלקערונג אין בורמאַ, אַז איצטער איז זיי דאָרטן אויסגעקומען צו קעמפן אַרומגערינגלט מיט בלוטיקע שונאים?

דוקא אין די אינטערעסן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף איז דער היילִיקער געבאָט פון דער שעה פאַר די פאַרבינדעטע מלוכות צו געווינען אויף זייער זייט אָדער צו „אַפּיזן", אויב איר ווילט, די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג פון נאָענטן און וויטן מזרח. הלוואי זאָלן איצטער זיין וואָס מער אַ ז ע ל כ ע אַפּיזערס! אין דער געשיכטע פון זיג איבערן פאַשיזם וועלן אַזעלכע „אַפּיזערס" דערמאָנט ווערן מיט ליוב־געזאַנג.

דער זעלבער בענטוויטש האָט אין זיין דערמאָנטן ראַדיאָ־בראָד־קעסט דערקלערט מיט דער גאַנצער וואָגיקייט פון זיין אויטאָריטעט און ווי אַ פאַכמאַן אין די ענינים פון נאָענטן מזרח, אַז „די איבער־ווייגנדיקע מערהייט אַראַבער זיינען לאָיאַל און קאָאָפּערירן מיט די ענגלישע מיליטערישע כּוחות". וואָס זשע זיינען די ענגלענדער מחויב צו טון לגבי אָט דער איבערווייגנדיקער מערהייט אַראַבער: איינהאַלטן מיט זיי גוטע באַציִונגען, צובינדן זיי ענגער צו זיך, אָדער שטויסן זיי דורך לייכטזיניקע מעשׂים אין לאַגער פון די שונאים?

דער ענטפער איז קלאָר.

**ווער וועט באַשיצן דעם נאָענטן מזרח?**

„די איבערווייגנדיקע מערהייט אַראַבער זיינען לאָיאַל און קאָאָפּערירן מיט די ענגלישע מיליטערישע כּוחות". אָט די פעסטשטעלונג בענטוויטשעס זעט אויס צו זיין ריכטיק. מיטן אָנהייב פון קריג האָבן טאַקע אויפגעהערט די אַראַבישע אומרוען אין פּאַלעסטינע. מען קאָן זיך גרייליך פאָרשטעלן, אַז די מערהייט אַראַבער אין פּאַלעסטי־

נע ברענען נישט פון אומגעדולד וואס שנעלער צו פארבייטן די ענגלי־שע הערשאפט אויף די ביטשן, וואס האבן געפייפט איבער עטיאפיע אדער אויף דער שקלאפעריי פון היטלערס „נייער ארדנונג״. די אויפגאבע פון א ווייטזיכטיקער אדמיניסטראציע איז נאך מער צו פארטיפן אט די „גרייטקייט צו קאאפערירן״ און נישט צו שפייזן די היטלעריש באאיינפלוסטע מינדערהייט, וועלכע איז נישט גרייט צו קאאפערירן, מיט שטאף פאר איר העצע.

און אין דעם, וואס די איבערוויגנדיקע מערהייט אראבער איז לאיאל און איז גרייט צו קאאפערירן מיט די ענגלישע מיליטערישע כוחות ליגט דער ענטפער אויף נאך אן ארגומענט פון די ציוניסטישע „ארמייער״:

מען מוז האבן א יידישע ארמיי אויף צו פארטיידיקן פאלעסטינע, סועץ און אלע אנדערע וויכטיקע סטראטעגישע וועגן אין נאענטן מזרח, וואוהין עס קאן אין א ליאדע טאג זיך אריבערווארפן דער פלאקער פון קריג. די מפלות אין פאסיפיק האבן באוויזן, ווי שלעכט עס איז, אז אויפן ארט גופא געפינען זיך נישט גענוג באוואפנטע כוחות, וואס זיינען נויטיק צום קאמף. דאס זיינען טענות, וואס זעען אויבנאויף אוים צו זיין גערעכטע, אבער וועלכע זיינען אין גרונט גענומען נישט מער ווערט ווי אלע ביז־איצטיקע ארגומענטן.

די מפלות אין פאסיפיק האבן באוויזן, אז עס איז גוט אין אלע באדראטע פונקטן צו האבן צוגעגרייט גענוג באוואפנטע קרעפטן? אודאי האבן זיי דאס באוויזן. אבער זיי האבן באוויזן נאך עפעס, וואס איז נישט ווייניקער וויכטיק צו געדענקען. די יאפאנער דער־אבערן מיט ארמייען פון צענדליקער טויזנטער — לענדער, וואו עס וווינען צענדליקער מיליאנען! די מפלות אין פאציפיק האבן בא־וויזן, אז ווי איז אין קריג צו יענע הערשער, וואס האבן די באפעל־קערונג קעגן זיך. די אומצופרידענע קאלאניאלע באפעלקערונג איז גרייט צו ווארפן זיך אויפן האלז יעדן טייוול, מעג ער זיין טויזנט מאל ערגער ווי דער, פון וועמען מען וויל פטור ווערן. וויבאלד אזוי איז אויסערגעוויינטלעך וויכטיק, אויב די איבערוויגנדע מערהייט פון דער גרונט־באפעלקערונג אין נאענטן מזרח איז טאקע לאיאל.

און צי וואלט א יידישע ארמיי געמאכט אוממעגלעך, אז אין נאענטן מזרח זאל זיך איבערחזרן, דאס וואס עס איז געשען אויפן

ווייטן מזרח, וואו אויפן ארט פון קאמף האבן געפעלט די נויטיקע באוואפנטע כוחות? — קיינער פון די ציוניסטן פאדערט דאך נישט, אז יידן זאלן קריגן אן אייגענע זעלבשטענדיקע ארמיי. זיי פאדערן אן ארמיי אונטער ענגלישע קאמאנדירן, וואס זאל זיין איינגעגלידערט אין די אלגעמיינע ארמייען און וואס זאל קעמפן אונטער דער אלגעמיינער אנפירונג פון די פארבינדעטע מלוכות אויף אלע פראנטן פון דער וועלט, וואו מען וועט זי באדארפן. איז דאך קלאר: ווען די מיליטערישע שטאבן פון די אליאירטע מלוכות באשטימען, אז דער פאלעסטינע־סועצער פראנט איז היינט דער וויכטיקסטער, וועלן דארטן קעמפן ענגלענדער, אמעריקאנער, הינדוסן, אויסטראליער, ניי־זעלענדער, אפריקאנער און צווישן זיי אויך אראבער און יידן, אלץ איינס צי עס וועט עקזיסטירן צי עס וועט ניט עקזיסטירן א יידישע ארמיי. ווען די אליאירטע שטאבן אנדערש אפשאצן די לאגע, קאן דער יידישער ארמיי, אויב אזא וואלט עקזיסטירט, אויסקומען צו קעמפן אין אינדיע און אויסטראליע, אין ניי־זעלאנד, ניי־גווינעיע, און דאס שאפן זי וואלט גאר נישט געענדערט צום בעסערן די סטראטעגישע לאגע פון נאענטן מזרח. דאקעגן וואלט זי זיך שוין אן יעדן ספק געענדערט צום ערגערן, צוליב דער פריער דערמאנטער „רפואה" מיטן ביטערן בייטעם", וואס מען וואלט איינגעגעבן די אראבער.

**פאר וועמען די יידישע ארמיי איז יא נויטיק**

און שטעלט מען זיך נאך דעם די פראגע: צי איז די יידישע ארמיי נויטיק צוליב די אלגעמיינע אינטערעסן פון אנטי־פאשיסטישן קאמף? מוז מען ענטפערן:

— ניין! אזא ארמיי וואלט געקאנט, פארקערט, שאפן איבעריק בייז בלוט אין נאענטן מזרח צום שאדן פון די דעמאקראטיעס און מיט נוצן פאר היטלערן.

צי איז די יידישע ארמיי נויטיק צוליב די אינטערעסן פון ענגלאנד?

ניין, זי וואלט בלויז שווערער געמאכט די אזוי אויך נישט לייכטע פאזיציעס פון ענגלאנד אין אזיע.

איז די יידישע ארמיי נויטיק פארן פאלעסטינער יידישן ישוב?

ניין, די לאגע פון ישוב, וואס געפינט זיך אזוי ווי אויף א ווולקאן, וואלט געוואָרן נאָך אומזיכערער.

איז די יידישע אַרמיי נויטיק פאר די יידן אין אייראָפּע, פאר די יידן אין אַמעריקע?

ניין און ניין.

און א יידישע ארמיי איז נישט נויטיק צוליב דער אידעע פון גלייכהייט, ווייל אויסטיילן יידן פּאַרט זיך מיט אומגלייכהייט; זי איז נישט נויטיק צוליב חשיבות און נישט נויטיק צוליב כבוד, — וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך, איז זי אומנויטיק און איז עלול צו ברענגען בלויז שאָדן.

איין צד איז פאַראַן פאר וועמען זי איז יאָ נויטיק. דאָס איז די ציוניסטישע באַוועגונג. זי איז נויטיק נישט פאר דער אידעע פון דער ציוניסטישער „גאולה”. ווייל אפילו אויפריכטיקערע ציוניסטן אליין שטראָפן זייער אייגענעם עולם און שרייבן, אז עס איז אַן עולה צו פאַרבינדן די צוקונפט פון ציוניזם מיט דער יידישער אַרמיי. זי איז נויטיק בלויז פאַרן ציוניסטישן היינט. זי גיט שטאָף צו רודערן און צו קאָנגרעסעווען; זי גיט געלעגנהייט צו „פאַרטרעטן” דאָס פאָלק ישראל; זי גיט שטאָף פאר טומלדיקער אַגיטאַציע, קנאַקעדיקע פראַזן און נאַציאָנאַליסטישער היסטעריע; זי גיט שטאָף פאר שלאָגן פּאָ־ליטישן קאַפּיטאַל.

און אז מען האָט נאָך דערצו א ביטול באַציִונג צום לעבעדיקן לעבן פון יידישן פאָלק, א געפיל פון פאַראַכטונג צו זיין שווערן קאַמף און מסירת־נפש אין „גלות”, — בלייבט נישט איבער קיין שום אַנדערע אויפגאַבע אין יידישן לעבן ווי דער קאַמף פאר א יידישער אַרמיי. דערפון נעמט זיך די לייכטקייט, מיט וועלכער די ציוניסטן רעדן וועגן אונטערגאַנג פון די יידן אין אייראָפּע: עס עקזיסטירט שוין כלומרשט נישט דאָס געבענטשטע מיט שעפערישקייט יידישע לעבן אין פּוילן, אַראָפּגעשוווענקט זיינען די יידן אין רומעניע ליטע און לעטלאַנד, עס עקזיסטירן נישט די יידן פון רוסלאַנד: מען איז טויב און בלינד צום פּרעכטיקן העראָאיזם, מיט וועלכן די יידישע מאַסן אין אָקופּירטן אייראָפּע קעמפן פאר זייער רעכט אויף לעבן; מען פרייט זיך נישט איבער דעם זעלטענעם לעבנס־דראַנג וואָס עס אַנטפּלעקט זיך ביי די יידישע מאַסן אין די געטאָס, איבער זייער

ווּנדערלעכער פעאיקייט צו פאַרקלאַמערן זיך מיט וואָרצלען אַפילו אין הארטן און טרוקענעם געטאָ־שטיין. די פּראָפעסאָרן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט האָבן אָפּגע־זאָגט דעם קראַנקן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע דאָס לעבן, און אין זייערע אויגן איז ער טויט. מעג ער אויסשטראַלן פון זיך די וואַרעמ־סטע קאָלירן פון האָפנונג, זיי האָבן אים אויסגעשטראָכן פון לייס־טער פון די לעבעדיקע, און ווילן פון אים נישט וויסן.

אָן אַנדערע זאַך איז, וואָס די „מיליאָנען טויטע" וועלן נאָך פון ד ע ר ו ו ע ל ט נישט איין מאָל מסתמא קומען צו חלום צו די אַלע „רעכנמייסטערס".

**די שפּים פון די געטאָס** הײַנט אָבער איז די צונג פון די יידן אין אייראָ־פּע שטום. זעלטן ווען עס דערגייט אויף דרויסן זייער פאַרפּייניקטער קרעכץ, זייער פאַרשטיקטער קאַמפּס־רוף. היטלערס ביקס באַוואַכט הײַנט צען מיליאָן יידן. די יונגען, ווען עס גייט טאָפּלט גוט, ווען יידיש בלוט פון מעסער שפּריצט", ווי זיי זינגען אין זייער ליד, זיי בילדן אַן ענגן רינג אַרום דער גרויסער תּפיסה וואָס הייסט יידיש לעבן אין אייראָפּע. און זיי האָבן געגומען פאַר שותּפים די קנאַכיקע אָרעמס פון הונגער, דעם פאַרצערנדיקן פיבער פון מגפה, קאַלטן שטאָל פון פּײַן־קאַמער און ווערגעדיקן שטריק פון דער תּליה.

און שטאָל טרעפט אויף שטאָל. שטאָל פון פּײַן־קאַמער אויף שטאָל פון גייסט. די יידישע מאַסן לײַדן, קעמפן און גיבן זיך נישט אונטער. עס לויכטן זיי אריין אין חושך פון הײַנט האָפנונג און גלויבן. עס קרעפטיקט זיי דער עקשנותדיקער ווילן אויסצוהאַלטן און דערלעבן דעם זיג. אויגן אויף אויסגעצערטע בלאַסע פּנימער ברענען מיט אמונה: די וועלט מוז ווערן אַנדערש. און אויף אומגעזעענע כוואַ־ליעס שטראָמען פון די געטאָס אין דער וועלט אַריין דער צאַפּל פון קידוש־השם דער הייליקער פלאַטער פון מאָראַלישער גבורה.

וואָס זשע טוען פאַרט די יידן פון אויסער היטלערס גהינום צו העלפן אויסהאַלטן דעם געפּייניקטן יידישן פאָלק פון אייראָפּע, וואָס לײַדט אַזוי אוממענטשלעך און קעמפט אַזוי בראַוו?

דערווייל כמעט ווי גאָר נישט.

ווי זשע וועלן זיך פילן יענע, ווער אויף די פראַגן פון די באַ־פרייטע ברידער:

— וואָס האָט איר געטאָן, אז די וועלט זאָל דערהערן אונ־זער קרעכץ, פאַרנעמען אונזער רוף?

— וואָס האָט איר געטאָן אויף צו העלפן, ווען דער טויט האָט געשפּאַצירט אין אונזערע גאַסן, געבאַלעבאַטעוועט אין אונזערע היימען, פאַרשניטן אונזערע בעסטע און נאָענטסטע?

ווי וועלן זיי זיך פילן, אָט די אַלע, וואָס וועלן אויף די פראגן קאָנען נאָר ענטפערן:

— אָ, מיר האָבן אין יענע צייטן אויפגערודערט א וועלט! ביי הונדערטער גרויסע און קליינע שרייבער, פּאָליטיקער און סתם מענטשן פון א גאַנץ יאָר האָבן מיר ארויסגעקראָגן הסכמות, אז מען דאַרף א יידישע ארמיי . . .

***

און פון הינטער די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן שימערירט שוין היינט דער טאָג פון זיג, ווען אונזערע באַפרייטע ברידער וועלן קומען מיט זייערע הארבע פראַגן און מיט זייערע אייגענע — אין הייליקן פּײַן געלייטערטע — ענטפערס.

די דאָזיקע ענטפערס זיינען היינט אין די געטאָס דער קוואַל פון מוט, זיי לויכטן מיט אמונה אין יעדער שורה פון די אונטערערדי־שע צייטונגען, און פון זיי שפּראָצט אַרויס ווארעמקייט און טרייסט.

און די ענטפערס זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפן באַוווּסטזיין, אז די ערד, אויף וועלכער די יידישע מאַסן לעבן און קעמפן, דער באָדן, וואָס איז זאַט מיט זייערע טרערן, בלוט און שוויים, דאָס איז זייער היים, אין וועלכער זיי זיינען גלייכע באַלעבאַטים מיט אַלע אַנדערע איינוווינער פון לאַנד.

די ענטפערס שטיצן זיך אויף דער פעסטער איבערצייגונג, אז יידישער אומגליק און יידישער פּײַן זיינען א טייל פון דער רשעות, וואָס הערשט היינט אין דער וועלט; אז אין א וועלט פון שקלאַפעריי און קייטן וועט דאָס אומגליק נאָכיאָגן און פארלויפן דעם וועג די יידישע מאסן, וווּהין זיי וועלן פון אים נישט אנטלויפן; אז אין אזא וועלט קאָן אויך פּאלעסטינע און יעדע אנדערע „אייגענע" טעריטאָריע זיין דער ביטערסטער גלות; און אז, דאקעגן, אין א באַפרייטער וועלט וועט די ערד אונטער די פיס ווערן די שענסטע און זיכערסטע היים, וואו די יידישע מאסן וועלן אלס מענטשן און אלס יידן געניסן פון פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט.

די ענטפערס זיינען באזעלט מיט שטאָלענער זיכערהיים, אז די וועלט שטייט היינט אויף דער שוועל פון באַפרייאונג, אז די שרעקלעכע ליידן וועלן נישט זיין אומזיסט, אז אין פּײַן, אומגליק און פלאַמען ווערט געבוירן א נייע בעסערע וועלט; א וועלט אן אויסנוצער און אויסגענוצטע, א וועלט פון אמתער גלייכהייט און פרייהייט.

צו דער דאָזיקער וועלט זיינען היינט געווענדעט די בליקן און די הערצער פון די יידישע מאסן אין די געטאָס. צו דער דאָזיקער וועלט וועלן ווענדן זייערע בליקן אלע יענע, וואָס זיינען פעאיק צו פארנעמען די שטים פונם געטאָ.

פאר דער דאָזיקער וועלט בלוטיקן היינט אין די געטאָס און אויף אלע שלאַכטפעלדער פון דער ערד שטאָלצע מחנות יידישע קעמפער, ווי יידישע טיילן פון דער מענטשהייטס גרויסער פרייהייטס־ארמיי, וואָס מארשירט צום נייעם מאָרגן.

ISBN:0-657-02399-X
Old Call No.,97-757 v.